# פרשת וילך כ"ט אלול תשע"ט - פ' בראשית כ"ז תשרי תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת וילך - ערב ראש השנה***

לאמירת סליחות ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה. – אחר תפלת שחרית ערך **רבינו שליט"א** סדר התרת נדרים לפני ג' אנשים. והוסיף גם אמירת היה"ר ומסירת מודעה מאת **החיד"א זצ"ל**, וסדר התרת קללות ונזופים.

*

***ראש השנה***

בליל ראש השנה אחר תפלת ערבית ואמירת לדוד מזמור, עברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** להתברך בברכת לשנה טובה שנמשכה למשך זמן רב, בעוד שמאות רבות מתושבי העיר מגיעים להתברך בברכת הקודש.

ביום ראש השנה לפני התקיעות דרש **רבינו שליט"א** דברי התעוררות בגודל קדושת היום כי הוא נורא ואיום, זמן שכל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון, והקב"ה זיכה אותנו במצות התשובה לתקן מעשינו, ובקול שופר המעורר נרדמים השוגים בהבלי הזמן.

והנה בימי קדם היה לנו צדיקים אמתיים, אשר כל ימיהם היו בתשובה, ופנימיותם היתה ספוג בדביקות ה' והרהורי תשובה, וכשתקעו בשופר היה הבל היוצא מהשופר ספוג בפנימיותם לעורר לב השומעים לתשובה. אך גם כעת כי אבדו חסידינו, מכל מקום באתערותא דלתתא בתקיעת שופר למטה, אנו מעוררים אשר ה' בשופר יתקע למעלה, כי הלא הקב"ה מקיים תורתו, וקול הבא מהבל פיו של הקב"ה, בודאי מעורר כל אחד מישראל חלק אלו-ה ממעל ממש לתשובה.

ובקול שופר יש בזה מליצה רבה וישרה כלפי מעלה, כי הלא השטן מלאך אלקים להסית בני אדם, ועם כל זה בשמעו קול השופר נעשה בהיל על חיוו, ולית ליה פנאי למעבד קטגוריא כמו שכתוב בירושלמי (הובא בתוספות ר"ה טז:), ואם כן מה יענו אזובי קיר, אדם הקרוץ מחומר, שבהול כל ימיו בטרדת הזמן, וחסר מנוחת נפשו והרחבת הדעת לעבודת ה', ודאי מתערבב דעתו בכל טירדה, ומעכבו מלעשות רצון קונו כראוי.

**רבינו שליט"א** המשיך בדבריו, שכל בקשתינו מאת ה', וכל עניני הגשמיים הכל הוא בתורת שאלה דהדרא למאריה, דכאשר ישפיעו לנו ממרום שפע טוב והרחבת הדעת, נוכל לחזור אותם לעבדו עבודה הישרה והמקובלת למעלה, ואנו מבקשין הב לן שאלתי"ן בדרך שאלה, ושנוכל לחזור אותה לבעליה, ולא נהדר ריקם מן קדמך.

**רבינו שליט"א** סיים בקול חנוק מדמעות, שנוכל לנצל קדושת היום לעורר רחמים עלינו ועל ישראל, אשר שומעים ביום אחד כל כך צרות ישראל מה שלא שמעו מלפנים במשך זמן רב, וכמעט אין בית שאינו זקוק לישועה. **ולעורר רחמים על הגזירה העומדת בימינו בהתערבות הממשלה בחינוך ילדי קודש, אשר הציבור אין לוקחים ענין זה ברצינות, וצריכין הרבה להתפלל לפני מלך שוכן מרומים לביטול הגזירה.** ונוכל להמליך מלכותו יתברך עלינו ועל כל העולם כולו, והקב"ה יקבץ נדחי ישראל ויתקע בשופר גדול לחירותינו במהרה בימינו אמן.

אחר הדרשה עלה **רבינו שליט"א** על הבימה לתקיעת שופר, והתחיל באמירת למנצח לבני קרח מזמור, ופסוקי מן המצר וכו' (ביום ב' דראש השנה לבש **רבינו שליט"א** בגד חדש לברכת שהחיינו), ואחר כך המשיך בתפלת מוסף לפני התיבה בהתעוררות עצומה ובהשתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו, ובפרט באמירת פסוקי זכרונות וכו'.

טרם נטות צללי ערב הלך **רבינו שליט"א** לאמירת תשליך, ואמר פסוקי מי א-ל כמוך וגו', ומזמור שיר המעלות ממעמקים פסוק בפסוק. אחר אמירת התפלות ניער שולי בגדיו כנהוג.

במשך התפלות ביום א' דראש השנה אמר **רבינו שליט"א** הקדישים, לרגל יומא דהילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל.**

*

***יום רביעי פרשת וילך - צום גדליה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת הבר מצוה של בן הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם נזר יהודא.

*

***<u>יום חמישי פרשת וילך</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר ישעי' **ראבי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סעליש. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, לבית הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, וקיבל את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>שבת קודש פרשת וילך – שבת שובה</u>***

בשעות אחר הצהרים התקבצו קהל רב וגדשו את היכל הבית המדרש לשמוע את דבר ה' בדרשת שבת שובה של **רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** התחיל בדברי אגדה ודרש בסוגיא דעתי אפילו בשבת (יומא סו:), ופלפל בכמה אנפין בענין אי אמרינן בעכו"ם חזקה שליח עושה שליחותו ועוד.

והמשיך בדברי אגדה ומוסר בגודל מעלת התשובה, אשר הקב"ה מקבל שבים, ומחכה ודופק על לב האדם שיתעורר להתבונן בתכליתו בעולמו, וכשמתעורר האדם לפתוח פתח קטן בחרטה, פותחים לו מלמעלה פתח גדול בהארה גדולה להתעלות ולהתקרב אליו.

**רבינו שליט"א** המשיך במעלת חינוך הבנים שמתחנכים לראות שמחה של מצוה אצל האבות, ההתלהבות באש קודש בעשיית המצוה, וביותר ביום השבת קודש, יום שמשתעשעין האבות עם הבנים, כאשר הבנים רואים איך מרומם היא השבת אצל האב בשירות ותשבחות ואמירת דברי תורה, ואיך שמייחד לבו בתפילתו באהבת ה' בדביקות, ומכל שכן בבוא מועדי קודש, השמחה בקניית הד' מינים ועשיית הסוכה, ומה גם בעת קיום המצוה, ובריקודין של שמחה בשמחת תורה, שרוקד ושמח בשמחה עצומה בכבודה של תורה, זה משאיר עליהם רושם גדול לנצחים.

עבודת הימים היא ליקח הידיעות שלו שיודע ומבין עבודה האמיתית, והשבות אל לבבך, להכניס אותם בלבבו שיהיו הדברים נעשים בשר מבשרו, ולבו ישתוקק בדביקות בוראו, ובריבוי הדיבור ומחשבה באמונת ה', יהיו הדברים קרוצים על לוח לבו שלא יזיזו ממנו.

**רבינו שליט"א** פרט כמה ענינים לדוגמת הדברים. ראשית בנסיונות של זמנינו, **כלי הטעכנאלאגיע והסמארט-פאן, אשר גם עם פילטער טוב, הוא פתח פתוח להרבה מכשולות, ומכל שכן לבני הנעורים. וכולם יודעים זאת בידיעה גמורה, אין אחד מפקפק בזה, אבל לא לכולם זה נכנס גם בלבו, לשים הדברים ללבו, ולהתבונן מה הוא עושה. וגם מי שצריך להשתמש בו לצורך פרנסתו, יהא לו טלפון אחר לכל היום, ורק לצורך ישתמש בו. הלא יש כולנו בנים ובני בנים, שרואים מעשי אבותיהם, והם נמשכים בדרך כלל אחר מעשיהם. ואם הדברים מותרים לאבא למה אמנע עצמי מזה. והוא בעצמו מפסיד בידים מבנו החינוך הטהור שעבורו הוא מוסר נפשו וממונו. ולאידך גיסא הרי גם בניו שומעים ויודעים איך שכל הרבנים דורשים כנגד זה, ורואה באביו שאינו מציית, ומה הבן חושב על אביו, שהוא עבריין על תאות לבו, ואיך יוכל לחנך להלאה בן שאינו מחשיב לאביו.**

וזה עיקר העבודה המתבקשת מהאדם, לא הלימוד והידיעה לבד, אלא 'והשבות אל לבבך', ישים אל לבו מהו כדאי לו יותר, בנים יראים ושלמים או הנוחיות של כלים הללו. הלא הנסיונות של בני הנעורים מרובים, ומשנה לשנה בדרך הטבע יהא קשה יותר. ולמה לא ישאר בזכרונם איך אבא היה מתנזר מזה, ולהשתדל ללכת בדרכי אבות.

ודבר זה נוגע גם לעשה טוב, ענין קביעות עתים לתורה, אשר כל אחד יודע המשנה שאומר יום יום, ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א). אבל כמה פעמים מתרשל מזה. ויש לשום אל לבו, כי בלי לימוד תורה לא יוכל להיות אדם כשר כראוי, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), ובלי התבלין מי יוכל להתגבר על יצרו. **ויש להשתדל לקבוע עצמו לאחד מהחבורות של תורה, להיות לו לעול לגמור העמוד או הדף של אותו יום. וגם אותם שהם כבר חלק מהחבורה ישתדלו להוסיף באורה של תורה, לקחת הבחינות בכל חודש, שעל ידי זה לומד כל דבר בעיון הראוי, וחוזר עליהם בכל עת פנוי.**

ובהחבורה של קהלתינו '**ובהם נהגה**' הרבה מאות חברים מסיימים מסכת יומא בשבוע זה, והרבה מהם עם בחינות, וביניהם יש גם הרבה בחורים שלומדים המסכת בזמנם הפנויים מסדרי הישיבה. ומי שיש בידו להצטרף

לחבורה זו, ולהתחיל השנה בקביעות עתים לתורה, אשרי חלקו וחבלו, כי כח הרבים עצום מאד, ואיש את רעהו יעזורו. ויש שיעורים קבועים למי שקשה עליו ללמוד בעצמו. וזכות התורה בודאי יגן בעדנו.

**רבינו שליט"א** סיים בברכה שיעזור ה' שנוכל להגיע למדריגת 'והשבות אל לבבך' שיהיה גם הלב בוער באהבת ה' ולעבדו באהבה. ויתן ה' דיבורים נכונים בפינו, להעתיר אל ה' על כל מה שצריכים, ולשוב אל ה' באמת, לא רק בחרטה על העבר, אלא להתבונן להטיב מעשיו מהיום והלאה, והקב"ה יקבל תפלתינו ברחמים וברצון, להוושע כל אחד בבני חיי ומזוני רויחי, וימלא ה' כל משאלות לבבנו לטובה, ונזכה לשנת גאולה וישועה בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

* * *

***<u>יום ראשון פרשת האזינו</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **נפתלי מאיר האפמאנן** הי"ו.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** אל עבר הבית החיים בעיר ניו דזשערזי, להתפלל ליד ציון אביו כ"ק **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצוק"ל**. משם המשיך **רבינו שליט"א** לבית החיים של קהלתנו הק' בניו דזשערזי, להתפלל אצל ציוני כ"ק **מרנן רבני קהלתינו זצוק"ל**.

על אם הדרך בחזרה לביתו, נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילענד, וביקר בבית גיסו **הגה"צ אב"ד גראסווארדיין שליט"א**, לברך ולהתברך בברכת שנה טובה.

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום שני פרשת האזינו</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **צבי שטייף** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב המשיך **רבינו שליט"א** לקבל את קהל אנ"ש לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

***<u>יום שלישי פרשת האזינו – ערב יום הכיפורים</u>***

אחר אמירת סליחות קיים **רבינו שליט"א** מנהג כפרות. אחר סדר הכפרות הלך לבית השחיטה ובדק את החלף, ואחר השחיטה כיסה הדם בעפר.

*

***<u>יום הכיפורים</u>***

כחצי שעה אחר זמן הדלקת הנרות עלה **רבינו שליט"א** לפני הארון הקודש לדרשת כל נדרי, ובקול מעורר ובכי דיבר בגודל קדושת הזמן, אשר ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם, ויום זה אינו יום גשמי שעומד תחת טבע העולם, ויש בו השראה רוחני דוגמת שמים, יום מופרש ומובדל מכל עניני גשמיים, והזמן גרמא להתבונן היכן אנו עומדים בעולם, והיכן הגענו בתפקידנו בשנות חיינו, ויש לנצל קדושת היום לטהר את נשמותינו. – ואם כי אנו בושים ונכלמים להרים פנינו אל ה' כי עונותינו רבו למעלה ראש, יש לידע כי ידו פרוסה לקבל שבים, וגדול מעלת בעלי תשובה שהקב"ה קושר להם כתר כמותו (שבת קד.), כתר המתאים למלך מלכי המלכים הקב"ה.

**רבינו שליט"א** השמיע דברים חוצבים **בענין הכלים הטכנלוגיים ובתוכם הסמארט-פאן, אשר ההשתמשות בהם בלי פילטער הוי איסור גמור, ונקרא עבריין. אלא גם עם פילטער, עדיין הוא פרוץ ופתח פתוח להרבה איסורים. וגם מי שצריך לו לצורך פרנסתו, צריך להיות מיוחד רק לזה, וההשתמשות כל היום תהא עם טלפון פשוט. ומכל שכן לפרוש עצמו מהחבורות שונות של וואטס-עפ, שמלאים בלשון הרע וניבול פה וזלזול לכל דבר שבקדושה.**

**רבינו שליט"א** עורר בעניני צניעות במלבושי הנשים שמתדרדר משנה לשנה, הן באופן הלבישה, והן בצביעת הפנים והעינים. השייטל מתארך והכיסוי עליה מתקצר. אשר כל גדולי ישראל אסרו ללכת בשייטל ארוך, וכל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה, הוא נתפס עליה. **ובעצם השייטליך שנעשה משערות, כבר נתברר שרובם וכמעט כולם באים ממקום עבודה זרה, אשר גדולי ישראל פוסקי הדור פסקו שדינם כתקרובת עבודה זרה שאסור בהנאה. ויש עוד איסור נוסף להכניסו להבית גם כשמונח בקופסא, שנאמר** (דברים ז-כו) **ולא תביא תועבה אל ביתך. וגם אם נתערב בהשייטל קצת שערות מאלו, אין בזה דיני ביטול, וכולה אסורה. ותקרובת עבודה זרה מטמא במגע ובמשא, ובזמן שבית המקדש**

**היה קיים כאשר אחד רק נגע בו באצבע, או נשא אותה ממקומה, היה אסור ליכנס למקדש או לאוכול תרומה עד שיטהר. ומובן לכל שבבית שיש עבודה זרה אין שם השראת השכינה, ואיך יכולים לגדל בבית זה בנים שיהיו נאמנים לה׳ ולתורתו. ויש לכל אחד להשתדל בביתו שילכו עם סינטעטישע שייטלין.**

והמשיך בדבריו בגודל מעלת קביעות עתים לתורה, ושלא לזלזל גם יום אחד בלי שיעור של תורה, בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין כנגדו. **בקהלתנו סיימנו היום מסכת יומא, ולמחר יום הכיפורים מתחילין מסכת סוכה, מי שבידו להתאחד ולהיות חלק מהחבורה אשרי חלקו. ויש להשתדל ליקח גם הבחינות על זה בכל חודש.**

עוד הזכיר **רבינו שליט״א** מה שאמרו חז״ל (יומא פה:) עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר, **ויש לקבל על עצמו שכל סכסוך של ממון עם חברו, יסדרו תיכף אחר יום הכיפורים**, וכן ירצה ויפייס את חבירו אם ציערו באונאת דברים, והלבנת פנים וכדומה.

בסיום דבריו הפנה **רבינו שליט״א** את אמריו בקול בוכים אל הבחורי חמד: אשרי חלקכם שאתם נמצאים באהלה של תורה, ואין לכם עול פרנסה להסתובב בחוצות. תשתדלו לנצל כל שעה ושעה רק לתורה, ללמוד דף אחר דף ולחזור על משנתו. הנסיונות בחוץ עצומים מאד, ויש להתרחק מלהתחבר בחבר שאינו טוב, שיראת שמים שלו רפוי. כי הרבה חברותא עושה, ובקל יוכל להתדרדר מאד, אלא יהא מסובב תמיד בחברותא של יראי ה׳ וחושבי שמו.

וסיים בדבריו במה שאמרו לעולם יקדים אדם תפלה לצרה, ועכשיו הוא הזמן להתפלל על כל מאורעות השנה, וימלא ה׳ כל משאלותינו, מי שצריך להפקד בבנים יתברכו בבנים, ואותן שעמלים בצער גידול בנים, יזכו לראות מהם רוב נחת ולגדלם בניקל לתורה ולחופה ולמעשים טובים. בבריאות הגוף ובני ביתם, בפרנסה בהרחבה, ויתן ה׳ שתהא השנה הבאה עלינו שנת ברכה, להתברך כולנו בבני חיי ומזוני רויחי, ויקבל תפלתינו ברחמים וברצון.

אחר הדרשה פתח **רבינו שליט״א** את הארון הקודש, ואמרו כל הקהל הוידוי בכניסת היום, אחר כך הוציא את הספר תורה, והתחיל באמירת פסוקי אור זרוע לצדיק וכו׳, פלגי מים ירדו עיני וכו׳.

עם סיום תפלת ערבית ואמירת שיר היחוד למד **רבינו שליט״א** משניות פרק ד׳ ממסכת יומא. אחר כך נכנס **רבינו שליט״א** לחדרו בבית המדרש, וכבקרת רועה עברו קהל הנוכחים לברכת הקודש אשר על ראשם יצור.

אשרי עין ראתה פרישת כהן ברשם צועק אנא השם, בעבודת היום בתפלת המוספין וסדר העבודה בהשתפכות הנפש, ותפלת נעילה ברשפי אש קודש, הלא למשמע אוזן תאבה נפשנו. ויה״ר שיתקבלו תפילתינו לרחמים ולרצון.

*

***יום חמישי פרשת האזינו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **יצחק גראסבערג** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

* * *

***יום ראשון פרשת וזאת הברכה - ערב סוכות***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **אלכסנדר פאנעט** הי״ו.

*

***ליל ב׳ דסוכות***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע״י בית מדרשינו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט״א** דברי תורה בעניני החג.

*

***יום רביעי - א׳ דחוה״מ סוכות***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק לביקור חג אצל אחיו **כ״ק הגה״צ מסערדאהעלי שליט״א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** **דער חתן** (הרב **שלמה זלמן** כ״ץ שליט״א **בן הרה״ג רבי יואל משה מרדכי שליט״א**, המיועד להיות נכדו) **איז נאך אין ארץ ישראל.**

**הגה״צ מסערדאהעלי:** איך האב געהערט אז אין ארץ ישראל איז געווען דעם יום טוב רעגן און ווינטען, עס האט מיר זייער לייד געטאהן, עס דארף נישט צו רעגענען דארט געווענטליך די צייט.

ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל תשי"ז ביים **בעלזער רב זי"ע**, איז ערב סוכות פארנאכטס, ווען מען איז געגאנגען דאווענען, האט געגאסען ממש. איך געדענק אז דער עולם דארטן איז געווען כחרס הנשבר. ווען מען איז ארויס פונעם דאווענען האט די לבנה שיין געשיינט, און גאנץ סוכות איז נישט געווען קיין טראפ רעגן, כך היה המעשה, פלא והפלא. דאס איז געווען אנהייב סוכות, אין **רמב"ם** (בפירוש המשניות סוכה סוף פרק ב') שטייט דאך, אז אנהייב סוכות איז ערגער אויב עס רעגנט.

**רבינו:** די גמרא זאגט אז גשמים בחג איז א סימן קללה (תענית ב.), ווייל באמת איז יום גשמים א גוטע זאך. די גרעסטע ברכות איז א יום גשמים (תענית ז.), און אז עס איז א יום גשמים איז עס דאך א טאג פון א ברכה, עס איז נאר א 'סימן' קללה. גשמים בחג בעצם איז נישט קיין קללה. די גמרא דרוקט זיך נישט אויס, אז גשמים בחג איז א קללה, עס איז נאר א 'סימן' קללה. ווייל מען קען נישט אנרופן אז גשמים בחג איז בעצם א קללה. עס איז נישט קיין גוטער סימן, אבער בעצם איז עס א טובה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** בעצם איז אוודאי דער רעגן א טובה, עס וועט וואקסען, מיט דעם רעגן פון סוכות וועט אויך וואקסען...

**רבינו:** אויב עס איז גדול יום הגשמים, איז דער טייטש אז ווען עס קומט רעגן, דארף מען האבן עפעס א ספעציעלע התעוררות דערצו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז דא א גמרא (תענית ז:) אז אין גשמים יורדין אלא אם כן נמחלו עונותיהם של ישראל. דאס איז א שטיקל סתירה צו דעם אז עס איז א סימן קללה. אבער עס קען אויך זיין אז מען האט טאקע מוחל געווען די עונות, אבער קיין מצוות און א שירות פון דיר וויל איך נאך נישט. ווי איינער זאגט, איך וויל דיר נישט אנקוקען, עס איז פאראהאן אזא מהלך. אין **רמב"ם** שטייט טאקע דארטן אין הל' תשובה (ז-ז), אמש היה זה שנוי לפני המקום משוקץ ומרוחק וכו', עושה מצוות וטורפין אותן בפניו, היום ווען ער טוט תשובה, עושה מצוות איז מען עס מקבל בשמחה.

**רבינו:** דאס האט א מקור אין ש"ס, אז עס איז טורפין אותן בפניו?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער ציהט אן א פסוק, שנאמר (ישעיה א-יב) מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי.

**רבינו:** פונעם **אר"י הק'** שטייט דאך אז עס גייט פאר די קליפות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** פאר די קליפות איז נאך ערגער, אז ער איז נאך מחזק די קליפות. דא שטייט נאר טורפין בפניו, מען ווארפט עס אים צוריק. אזוי ווי די לשון הגמרא שפך לו קיתון על פניו. - היינט ווען ער טוט א מצוה מקבלין אותו בנחת ובשמחה, דאס איז אויך אזא שיינע לשון אין רמב"ם.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** דער **גר"א** זאגט דעם הסבר פארוואס מצות סוכה וואס איז א זכר לענני הכבוד איז פונקט אין ט"ו תשרי, ווייל עס איז א זכר צו די ענני הכבוד וואס איז צוריקגעקומען נאכן חטא העגל. יום כיפור האט מען מוחל געווען עונותיהם של ישראל, אבער מען האט געדארפט האבן א עקסטערע זכות אז די ענני הכבוד זאל צוריקקומען. עס קען זיין אז רעגן איז א ברכה, אבער די ידידות פון פאר דעם איז נאך נישט צוריקגעקומען.

**רבינו:** לויטן **גר"א** איז דער פשט אז מען האט אנגעהויבן צו מאכן די משכן דעמאלטס, און עס האט אויסגעפעלט די משכן אויך, אז עס זאל מכפר זיין אינגאנצן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אין נחמיה (ט-כ) ווען ער רעדט פון די טובות פונעם אייבערשטען, מנך לא מנעת מפיהם. אין דעם טאג וואס זיי האבן געמאכט דעם עגל, וואלט דער אייבערשטער געדארפט זיין ברוגז אויף יודען, אבער מן האט דער אייבערשטער געגעבן. ענני הכבוד וואס איז כבוד, כבוד קומט זיך דיר נישט.

**רבינו:** זיי פרעגן א קשיא, אז דארט שטייט, אז דער ענן האסטו אויך נישט אראפגענומען, עס שטייטביידע אויסגערעכנט. די קשיא איז ווי אזוי עס ארבעט מיט דעם **גר"א**, וואס ער זאגט אז פונעם עגל ביז ט"ו תשרי איז נישט געווען קיין ענני הכבוד.

**הרה"ג רבי יהושע:** מען האט אמאל גערעדט, אז דארט שטייט נאר אז דער עמוד הענן איז נישט אוועקגעגאנגען, נישט די ענני הכבוד (עיין **בשמן ראש** לסוכות ח"ב דף יב בשם ספר **טעמא דקרא להגרח"ק שליט"א**).

**רבינו:** עס איז געווען אסאך ערליי עננים, פון די הייעך, פון אונטען, פון די זייטען. עס איז געווען שבע עננים, עס קען זיין אז א געוויסע ענני הכבוד האט געפעלט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די עמוד הענן האט מען דאך געדארפט האבן מען זאל וויסן וואו צו גיין, דאס איז א חלק אזוי ווי דער מן, מען דארף וויסן וואו צו גיין אין א מדבר בארץ לא זרועה, אזוי ווי מען דארף האבן עסן, אבער ענני הכבוד דאס איז שוין א אנדערע זאך.

**רבינו:** זיי ברענגען צו א **שבט מוסר** (פרק לז), אז דעם טאג פון מחלוקת קרח איז נישט געפאלען קיין מן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** בוקר ויודע ה'.

**רבינו:** מחלוקת דאס איז ערגער פון חטא העגל[א].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מן איז דאך געווען בזכות משה (תענית ט.), און אז מען האט זיך געקריגט אויף משה האבען זיי נישט געקענט האבן די השפעה פון משה. ביים עגל וואס מען האט צוטון מיטן אייבערשטען אליין...

**רבינו:** די ענני הכבוד איז געווען בזכות אהרן, און אהרן האט געמאכט דעם עגל, האט געפעלט דער ענן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז צוגעשטאנען צו יודען.

**רבינו:** עס שטייט אין פסוק ובאהרן התאנף ה' וכו'.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז א פלא והפלא, אין מדרש (תנחומא בהעלותך יד) שטייט, ויבן מזבח לפניו (שמות לב-ה), זאגט רש"י מזבוח לפניו, אז מען האט גע'הרג'ט חור, זאגט דער מדרש אז מען האט גע'הרג'ט חור מיט אלע שבעים זקנים, ווייל קיינער איז נישט צוגעשטאנען. איך ווייס נישט פארוואס מען נעמט עפעס ארויס דעם חור. און נאכדעם איז מען געקומען צו אהרן, און ער האט געזעהן וואס דא גייט פאר, נישט נאר מען האט געהרג'ט חור, נאר אלע שבעים זקנים. אזא זאך צו הרג'ענען שבעים זקנים, אזא קליפה איז געווען, ווייל זיי ווילן נישט מאכען, סוף כל סוף האבען זיי נישט געטון קיין שלעכטס, זיי האבן נאר נישט געוואלט מאכען, נו מאך דיר אליינס. נכנס בהם רוח שטות, צו מאכען דעם עגל, ווען עס גייט איינעם אריין א דזשא"ק אין קאפ, איז ער מוכן צו הרג'נען מענטשן, עס איז סכנת נפשות. און דער אייבערשטער רעדט נישט דערפון, לך רד כי שחת עמך, זיי האבען געטאהן און געמאכט דעם עגל, זעהט אויס אז דער אייבערשטער האט געוואוסט אז נכנס בהם רוח שטות צו מאכן דעם עגל, די אנדערע זאכן איז שוין נישט געווען בידם, זיי זענען שוין נישט פאראנטווארטליך.

*

**רבינו:** איך האב גערעדט אין שטוב יום טוב, אז איך האב געזעהן צוברענגען, אז עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' יום טוב ו-יז), אז מען איז זיך מחויב משמח צו זיין, זיך מיט די קינדער, מיט די אייניקלעך, וכל הנלווים עליו וכו'. ברענגען זיי אז **רבי יעקב קמינצקי זצ"ל** שטעלט זיך דערויף, וואו קומט אהער בני בניו. איז דען דא א מצוה אז א זיידע דארף משמח זיין די אייניקלעך יום טוב?! ער האט דאך א טאטן, אתה ובנך שטייט אין חומש (דברים טז-יד), ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך וגו'.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און דעם אייניקל דארף ער לאזן אויף די גאס? ער דרייט זיך דאך מיטן טאטן.

**רבינו:** ניין, דער אייניקל האט דאך א טאטע, און דער טאטע דארף אים משמח זיין. אבער וואס האט עס צוטון מיטן זיידען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אבער דער טאטע דרייט זיך ביי זיין טאטן.

**רבינו:** דער טאטע דארף אים משמח זיין, און משמח זיין מיינט אז ער זאל אים געבן צו טרינקען וכדו'. אבער וואו קומט א חיוב פון שמחה אויפן זיידען? פון וואו נעמט דער **רמב"ם** אזא חיוב משמח צו זיין א אייניקל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** נו, וואס איז דער תירוץ.

**רבינו:** טעות סופר. עס דארף שטיין 'ובני ביתו'.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ווער זענען די בני ביתו.

**רבינו:** עבדים ושפחות.

---

[א] ראה **בשמן ראש** (ח"י פ' תולדות דף רי) דענין זה נרמז בברכת יצחק ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ (כז-כח). וברש"י יתן ויחזור ויתן (ב"ר סו-ג). ובמדרש (שם) מטל השמים זה המן שנאמר (שמות טז-ד) ויאמר ה' אל משה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים. דהנה הנביא אומר (נחמיה ט-כ) ואתה אלו-ה סליחות וגו', אף כי עשו להם עגל מסכה וגו', לא עזבתם במדבר וגו', ומנך לא מנעת מפיהם ע"כ. והיינו שגם בעת החטא המטיר להם לחם מן השמים, ולא מנע מפיהם את המן. אמנם איתא במדרש (הובא **בשבט מוסר** פרק לז) תדע כמה קשה המחלוקת לפני הקב"ה, דבמעשה העגל שהיו בשלום לא נפסק המן, עד שהקריבו ממנה לפני העגל, ובמחלוקתו של קרח לא ירד המן באותו יום ע"כ. ובמקום אחר ביארנו בזה מה שאמר להם משה, בקר וידע ה' את אשר לו (במדבר טז-ה), כי במן נאמר וילקטו אותו בבקר בבקר (שמות טז-כא), ואמר להם משה ראו והתבוננו כי מחלוקת זו אינה לשם שמים, שהרי בבקר כאשר תצאו ללקוט את המן לא תמצאו, ואז יודע ה' לכם את אשר לו. [ובסעודה שלישית פרשת בשלח תשס"ט הוסיף **רבינו שליט"א** ברמז הדברים, בוקר 'וידע' בגימטריא 'מן'] – ואם כן ירידת המן במדבר לא היה ארבעים שנה רצופים, כי נפסק בעת מחלוקת קרח, והוצרכו להשפעה חדשה שיתחדש ירידתו, על כן אמר על המן, ויתן לך מטל השמים, יתן ויחזור ויתן, שהשיג ברוח קדשו מחלוקת קרח, שהרי ביקש רחמים על עצמו שלא יזכר שמו על מחלוקתם שנאמר (בראשית מט-ו) ובקהלם אל תחד כבודי (רש"י במדבר טז-א), ואז יופסק המן מלרדת, על כן ביקש שתתחדש שנית אחר כך, ויתן ויחזור ויתן ע"כ.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די גייען דאך אריין אין וכל הנלוים עליו.

**רבינו:** דאס איז א חלק פון זיי.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב געמיינט אז וכל הנלוים עליו מיינט עבדים ושפחות. דא צוטיילט ער עס, בני ביתו, מיט וכל הנלוים עליו.

איך געדענק פאר מיין בר מצוה, איז **רבי אליעזר סילווער זצ"ל** פון סינסענעטי, ער איז געגאנגען מיט א צילינדער, איז ער געקומען איינמאל אין די צעהלימער ישיבה אויף א באזוך, פון די רעגירונג איז ער געגאנגען אויף אזא טו"ר אין די ישיבה, אונז זעמיר געווען די העכסטע קלאס אין תלמוד תורה, איז ער אריינגעקומען, מען האט געלערנט דעמאלטס מסכת גיטין, איך געדענק שוין נישט וואס ער האט געזאגט, אבער דאס געדענק איך יא, אז ער האט זיך געשטעלט אויף א שווערע רש"י, און ער האט געזאגט, 'איך האב אויפגעשריבן אויף די רש"י, אז עס איז א טעות'.,, אויף די רש"י האט ער אויפגעשריבן, עס איז א טעות איז געענדיגט, שוין פטור אן עסק...

**רבינו:** די וועלט זאגט נאך, אז עס איז דא א גמרא (סנהדרין ק:), אויף די בארד פון א מענטש, ווי אזוי עס וואקסט, אז אויף אזא אופן איז ער א שוטה. און מען האט עס געוויזען פאר איינעם וואס האט געהאט אזעלכע האר, האט ער צוגעשריבן אויף די גמרא, אז עס איז לאו דווקא. איינמאל האט ער געטון עפעס א גערוואלדיגע נארישקייט, איז ער געגאנגען און ער האט עס אויסגעמעקט, און צוגעשריבן 'דווקא'. - שרייבען קען מען וואס מען וויל, דווקא, לאו דווקא.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אז דער **רמב"ם** לאזט אויס עבדים ושפחות, ער שרייבט נאר כל הנלוים, אז א מענטש דארף משמח זיין אלע נלוים עליו, די אייניקלעך זענען אויך נלוים עליו. מען דארף נאר וויסן פון וואו ער נעמט דאס כל הנלוים עליו.

**רבינו:** פארוואס טאקע נאר אתה ובנך. און וויפיל איז די שיעור פון בנך. נאר ווען ער איז סמוך על שלחנו? ווען מען רופט יום טוב א קינד אויף געסטעריי, איז ער מקיים דעם ושמחת אתה ובנך, צו עס איז נאר ווילאנג ער איז סמוך על שלחנו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און אז ער איז סמוך על שלחנו, ער גיט אים צו עסן אויף א גרינעם דינסטאג, דארף מען זאגן אז ער זאל אים געבן יום טוב אויך?!

**רבינו:** דעמאלטס איז נישט דא קיין מצוה, און יום טוב איז דא א מצוה. משמח איז דורך משמחו ביין, משמחו איז טייטש מער פון אים געבן צו עסן. עס איז דא הלכות וואס שמחה פארלאנגט. וואס איז דיין ושמחת? אז דו זאלסט טרינקען א גלעזל וויין. אתה ובנך, גיב אויך פאר דיין זון א גלאז וויין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עבדך און אשתו איז תלוי אין אים, אן אים האבן זיי נישט. אבער דער זון וואס איז נישט סמוך על שולחנו האט א פלאש וויין אין שטוב, פארוואס דארף איך אים געבן א פלאש וויין?

**רבינו:** לאמיר גיין ווייטער, בנך מיינט נאר ביז די בר מצוה, אפשר נאך די בר מצוה איז ער שוין אין גדר פון אתה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס קען אויך זיין.

**רבינו:** ביי שבת איז דאך זיכער אזוי.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דא קען זיין אז דער אייבערשטער האט געוואוסט אז ער האט נישט, ווילאנג ער האט נישט פאר זיך אליין אווירטשאפט.

**הרה"ג רבי יהושע:** אויב דער **רמב"ם** שרייבט בני בניו אויך, מוז דאך זיין אז דער קינד האט שוין קינדער.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און ער קען נאך אלץ זיין סמוך על שלחנו פון זיין טאטע.

עס טוט מיך אלץ רודערן וואס מען זאגט אין ברוך א-ל עליון, וואס איז זיכער נתחבר געווארן מיט רוח הקודש, רוכב בערבות מלך עולמים, את עמו לשבות אזן בנעימים, במאכלי ערבות במיני מטעמים, במלבושי כבוד זבח משפחה. בפירוש זאגט דער פייטן זבח משפחה. רש"י זאגט ביי כי זבח משפחה לנו (שמואל א כ-כט), אז דוד המלך האט געמאכט א סעודה, און ער האט צוזאמגענומען דעם גאנצן עולם. זעהט מען אז שבת איז אויך דא אזא ענין פון זבח משפחה, איך האב קיינמאל נישט געהערט, עס ווערט נישט געברענגט אין ערגעץ אז עס דארף זיין א זבח משפחה.

אין סוף מגילת אסתר (ט-כח) שטייט אויך, משפחה ומשפחה. און רש"י זאגט דארט, אז מען זאל זיך צוזאמנעמען די אלע משפחות, און זיך פרייען. - דארט האט מען טאקע ארויפגעלייגט אזאנס, ווייל שמחה איז מער דא מיט די גאנצע משפחה צוזאמען. אבער שבת איז נישט דא קיין חיוב שמחה אויך נישט, פארוואס דארף זיין זבח משפחה.

**רבינו שליט"א צוה להביא רמב"ם הל' שביתת יום טוב** (הוצאת שבתי פרנקל)

**רבינו:** דא שטייט נאר ובני ביתו. הוא ובניו ואשתו ובני ביתו וכל הנלוים עליו, אין די שינויי נסחאות צום סוף שטייט שוין יא אז עטליכע דפוסים איז

געשטאנען ובני בניו, וכתוב בספר **מטה אפרים** (באלף למטה) שהוא טעות סופר. אין **טור** איז די לשון הוא ואשתו ובניו.

אויף נלוים עליו, שרייבט ער עיין מה שכתוב **במטה אפרים**. צו נלוים 'עליו' צו נלוים 'אליו'. עליו איז טייטש וואס ער איז מחוייב, און אליו איז טייטש ווער עס איז דארט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** בני ביתו דארף האבן א ביאור, וואס איז דער בני ביתו, מיט נלוים עליו.

**בנו הרה"ג רבי ישכר דוב: עס** קען זיין אז נלוים אליו מיינט נישט דוקא בני ביתו, אויב ער האט א גאסט א יתום, ער איז נלוים אליו, נישט פון זיינע עבדים ושפחות, ער קוקט ארויס אויף אים, ער האט נישט ווער עס זאל זיך זארגן פאר אים, עס שטייט נישט אין פסוק והגר והיתום אשר בקרבך.

**הגה"צ מסערדאהעלי** (אחר שעיינו בפנים בפסוקי התורה בפ' ראה): יא, עס שטייט טאקע והלוי אשר בשעריך, והגר והיתום והאלמנה אשר בקרבך, די זענען טאקע וואס דער **רמב"ם** מיינט וכל הנלוים עליו. דארף ער דען נעמען אלע יתומים ואלמנות. די יתומים ואלמנות וואס זענען תלוי אין אים, דארף ער משמח זיין, לכאורה דאס איז טאקע פשט.

*

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב דעם יום טוב נאכגעזאגט ביי שמחת בית השואבה, אז דער **לאדאני'ער רב** האט מיר געזאגט, [איך הער שוין אז א אטייל זאגען עס נאך פונעם **גר"א**], אז דער **סקווירא רבי זכרונו לברכה** האט אים געזאגט, אז די שווערסטע מצוה אין יום טוב איז שמחת יום טוב. דער פשט איז, אז זיבן טאג אין איין צו, טאר נישט זיין קיין שום צער. טאמער ער איז זיך עפעס מצער, האט ער עס דעמאלס נישט מקיים געווען.

**רבינו:** יעצט איז עס ניין טאג...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אז איין רגע זאל נישט אריין קומען עפעס א זאך, דאס איז די שווערסטע עבודה אין יום טוב. האלט ער דאך, אז דער פשט איז, אז יעדע רגע איז דא א חיוב שמחה, און טאמער איין רגע האסטו נישט, האסטו נישט מקיים געווען די מצוה פון זיין פריילעך גאנץ יום טוב. נו, טאמער ער טרינקט איינמאל א גלעזל וויין, האלט עס אן צוועלף שעה, און ער איז שוין פריילעך צוועלף שעה אין איין ציה?!, און טאמער מען איז געשלאפן, די גמרא זאגט דאך, אז די וויין וועפט אויס ווען מען שלאפט, וועט ער דארפן נאכאמאל טרינקען, נאכאמאל משמח זיין. ווען ער פילט אז ער איז נישט פריילעך, דארף ער טרינקען א גלעזל וויין כדי ער זאל זיין פריילעך. דאס איז פשט אז איך נעם אן אז ער דארף זיין פולע זיבן טאג פריילעך. איך קען לערנען אנדערש פשט, אז אויב איז ער געווען היינט פריילעך, איז שוין גענוג. אפילו נאכדעם איז ער שוין איינגעלייגט, אבער ער האט זיך שוין געפרייט אין דעם טאג.

**רבינו:** ער מוז מאכן א פעולה פון שמחה אין דעם טאג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אויב איך זאג אז ער מוז זיין פריילעך יעדע רגע, דארף ער אויך טרינקען וויין יעדע פאר שעה, אז עס זאל אים אביסל אויפהייבען.

**רבינו:** און אויב ער האט פינף מינוט אין טאג שפעטער וואס ער איז גוט פריילעך אן וויין?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די זעלבע קשיא איז, אין שמחה אלא בבשר ויין, איך בין פריילעך אן פלייש און וויין, איך בין פריילעך מיטן אייבערשטען. ער איז פריילעך מיט א שטיקל ברויט. עס איז טייטש אז ער מוז טרינקען וויין, ווייל דאס מאכט פריילעך, און ער איז מחוייב צו טון א פעולה צו זיין פריילעך.

**הביאו ספר מטה אפרים, ועיינו שם בסו"ס תרכ"ה שכתב: ומה שכתב הרמב"ם ובני בניו, קרוב הוא שהוא טעות סופר, שהיה כתוב וב"ב שהוא ר"ת ובני ביתו, והמעתיק העתיק ובני בניו עיי"ש**[ב].

**רבינו בצחות:** אבער מען מעג זיין פריילעך גאנצע זיבן טעג...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א יוד דארף זיין פריילעך שטענדיג. - מען דארף טאקע פארשטיין וואס איז דער חילוק פון די שמחה וואס פאדערט זיך, שמחת החג.

**רבינו:** א פרייליכן לוסטיגען יום טוב ווייטער אויך אי"ה, מען זאל קענען מיטנעמען די שמחה ווייטער אויך, אויף א גאנץ יאר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א גמר חתימה טובה.

---

[ב] ראה **בספר המפתח** על **הרמב"ם** שציין לספר **שו"ת נשאל דוד להגאון רבי דוד אופנהיים זצ"ל** (או"ח סי' ה') שיש חיוב שמחה גם לבני בניו יעו"ש.

ובסעודת יום טוב הוסיף **רבינו שליט"א** במה שמחויבים לשמח גם את הבני בנים, שבהיות שמחוייב האב לשמח את בנו כמו שכתוב אתה ובנך, ושמחת בנו אינו נשלם רק כשרואה גם את בניו שהם שמחים. לכן נכלל בחיוב הסב לשמח גם את בן בנו, שבזה מוסיף בשמחת בנו.

**רבינו:** א גוט געבענטשט יאהר א פרייליך יאהר. איך האב דיך גערופן ערב יום הקדוש, און איך האב נישט געקענט צוקומען, איך האב געטראכט אז עס איז א גרעסערע מצוה אז איך שטער דיך נישט.
**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב דערלייגט. דו האסט נישט דערלייגט, ווייל איך האב דיר ממילא אינזין, איך האב דיר געמאכט א מי שברך.
**רבינו:** יישר כח. די טאטע ז"ל פלעגט טאקע אויך צו מאכן א מי שברך פאר די פעטער'ס פון ארץ ישראל.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור חג אצל **כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**גאב"ד קארלסבורג הי' באמצע לימודו במסכת סוכה, והגיב רבינו:** העוסק בסוכה איז דאך כאילו יושב בסוכה. ונשלמה פרים שפתינו. על כל פנים ווען עס רעגנט (שהיה אז עת גשמים) איז עס משלים די מצוה פון סוכה.

דאס וואס די וועלט פארציילט אז עס איז געווען אנשי סוכות וואס האבן נישט געוואלט ארויסגיין פון די סוכה, און א ענן האט זיי אוועקגענומען, וואס איז דער ענין פון דעם, אז ווען סוכות איז אדורכגעגאנגען, און עס איז נישט דא קיין מצוה, און עס זאל געשען אזא נס[ג].

**גאב"ד קארלסבורג:** זיי האבן זיך נישט געקענט אפשיידן פון דעם.

**בנו הרה"ג רבי משה ראטה שליט"א רב הצעיר ד'קארלסבורג:** מען זאגט נאך אז **רבי הערשעלע רימנובער** האט עס פארציילט אלעמאל, אז מען האט זיי געטראגן אויף א ווארימע פלאץ.

[ג] כן כתוב בספר **שער יששכר** (מאמר סכת שלם אות ט"ז) וזה לשונו: סיפר **הרה"ק מהרצ"ה הכהן מרימנוב זי"ע** מחסידים הראשונים שהיו דבוקים כל כך באהבת מצות סוכה, והרגישו נועם אור קדושת אהבתה, עד כי באהבתה ישגו שנשבעו שלא לצאת מהסוכה לעולם, ונשבעו בנדר על דעת רבים שאין לו הפרה, וכאשר הגיע ימי החורף והקור נורא, אז מן השמים בא ענן ולקחם למדינות החמים כדי שלא יסתכנו בצער הקור והחורף בהיותם בסוכה, וקראום העולם אותו ואת משפחתו אחריו בשם 'אנשי סוכות' על שם נס זה. ושגור בפי חסידים ויראי אלקים אנשי אמת ששמעו מפה קדשו זה בכל שנה ושנה ע"כ.

**רבינו:** און ווען א מענטש ווען זיך נישט קענען אפגעוואוינען פון בלאזן שופר א גאנץ יאר, ליגט אין דעם א ענין?

**הגר"מ ראטה:** עס שטייט טאקע פון **רבי הערשעלע רימנובער** אז די גמרא (סוטה כא.) זאגט, מצוה בעידנא דעסיק ביה מגנא ומצלא, בעידנא דלא עסיק ביה אגוני מגנא אצולי לא מצלא, תורה איז בין בעידנא דעסיק ביה ובין בעידנא דלא עסיק ביה מגנא ומצלא. זאגט ער, אז א מענטש טוט א מצוה איז בעידנא דלא עסיק בה איז עס נישט מגנא ומצלא? זאגט ער טאקע אזוי ווי דער רב זאגט, אז תורה, ווען איינער וועט לערנען מסכת סוכה אינמיטן פסח, אדער ווען איינער לערנט מסכת פסחים אין סוכות, איז בין בעידנא, סיי עס איז יעצט די צייט פון דעם, און בין בלא עידנא, האט עס א חשיבות. אבער א מצוה, אז איינער וועט נעמען א סוכה און זיצען חנוכה, אז איינער וועט נעמען מצות און עסן שבועות, בעידנא דלא עסיק ביה איז עס נישט מגנא ומצלא. אבער די מצוה אליין ווען ער טוט עס אין זיין צייט, איז עס מגנא ומצלא.

**גאב"ד קארלסבורג:** עס איז ביז יעצט געווען גאנץ א שיינער סוכות.

**רבינו:** און עס וועט נאך זיין אי"ה.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער וועט העלפן, דער סוכות וועט אונז באגלייטן א גאנץ יאר. וסוכה תהיה לצל יומם, לחסות מזרם וממטר.

**הגר"מ ראטה:** עס איז יתכן, אזוי ווי דער רב זאגט, אז עס שטייט אין מסכת עבודה זרה (ג.), אז לעתיד לבוא וועט מען געבן פאר די אומות העולם א מצוה קלה, און מען וועט ארויסברענגען די זון, און די אומות העולם די מינדעסטע זאך איז בועטין והולכין. די אנשי סוכות, האבן געוואלט ווייזן, אונז וועל מיר נישט אוועקגיין פון די סוכה, סיי מיט קעלט און סיי מיט היץ, און מיט דעם וועלן זיי מעורר זיין דעם לעתיד אז משיח זאל קומען.

*

**רבינו:** א יוד האט מיר געפרעגט דעם יום טוב, אז ער פלעגט קיינמאל נישט טועם זיין חוץ לסוכה, און ער איז שוין א עלטערער יוד, און ער האט נישט קיין סוכה נעבן זיך, ער מוז גיין צו א סוכה, צו עס איז חשוב'ער ער זאל אנהאלטן זיין חומרא, ער זאל נישט טרינקען, צו עס איז דא א שאלה פון מניעת עונג יום

טוב, אויב ער וועט נישט טרינקען ביז ער וועט אנקומען צו א סוכה.

**גאב"ד קארלסבורג:** אין ירושלמי (סוכה ב-ה, והובא במג"א סימן תר"מ סקט"ז) שטייט, אז רב הונא איז געווען אמאל זייער דארשטיג, און ער איז אדורכגעגאנגען אסאך טייכן און ער האט נישט געוואלט טרינקען, ווייל רב הונא האט אויף זיך מחמיר געווען.

**רבינו:** עס קען זיין אז רב הונא האט געשפירט מער עונג פון נישט טרינקען ווי יא טרינקען.

**הגר"מ ראטה:** דאס זאגן די ספרים הק', אז דער **רמ"א** (סימן תרל"ט סעיף ז') זאגט, כל שאינו יוצא אינו אלא הדיוט, ווייל א מצטער איז פטור מן הסוכה, און מען זעהט אז גדולים זענען יא געזעסן אין די סוכה. ווייל פאר זיי איז עס טאקע נישט געווען קיין צער.

**רבינו:** אבער ווען א יוד זאגט איך בין יא הונגעריג, איך בין יא דארשטיג, און עס איז ביי מיר מניעת שמחת יום טוב. ער האט מיך געפרעגט אויף אינמיטן די נאכט.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען קען אים מתיר זיין.

**הגר"מ ראטה:** ער דארף זיך מתיר נדר זיין? עס איז דאך א מנהג טוב. דער מחבר (סימן תרל"ט ס"ב) זאגט דאך, אז עס איז הרי זה משובח.

**גאב"ד קארלסבורג:** ער איז דאך א עלטערער יוד.

**רבינו:** בפשטות אדעתא דהכי האט ער נישט מקבל געווען. ביי א חולה וואס איז געווען רגיל להתענות שטייט אויך, אז ער דארף נישט מתיר נדר זיין (עיין **בשו"ע** יו"ד סימן רי"ד **ובש"ך** שם סק"ב, **ובפתחי תשובה** (שם סק"א) בשם **הדגול מרבבה** ע"ש.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען קען אים אפשר זאגן, אז ווען ער קען טרינקען אין די סוכה, זאל ער טרינקען אין די סוכה, נאר אז עס קומט אים עפעס נישט אויס, דעמאלטס קען ער טרינקען חוץ לסוכה. - נו, וכשנתנו לרבי צדוק אוכל פחות מכביצה, והעלן לסוכה.

*

**רבינו:** ווי אזוי שפירט זיך דער רב?

**גאב"ד קארלסבורג:** ב"ה בחסד. אביסל בעסער שוין. איך קען נאך נישט גיין אזוי, איך דארף מיך נאך אנכאפן. איך האב אסאך מאל געוואלט גיין באזוכן, אבער עס איז שווער דאס גיין.

**רבינו:** הרינו כאילו התקבלתי. עס טוט מיר מער ווי ווען דער רב קומט יא, ווי ווען דער רב קומט נישט.

**גאב"ד קארלסבורג:** איך האב געוואלט גיין צום וויענער רב, מען קען זאגן פון די שענסטע און בעסטע רבנים, דער אייבערשטער זאל העלפן.

**רבינו:** רבי הערשל (שפיטץ) האט מיר געברענגט פון דעם רב'ס אתרוגים פון פאלם ספרינגס (שנטע שם לפני כמה שנים מגרעיני האתרוג של גאב"ד קארלסבורג).

**גאב"ד קארלסבורג:** עס איז ארויסגעקומען שיינע אתרוגים.

**רבינו:** ער זאגט אז עס פון די רב'ס ברכות.

**הגר"מ ראטה:** רבי הערשל האט גוטע פירות.

**הר"ר הערשל:** און די מעשים טובים אויך, דער וויענער רב איז דארט, און ער לייגט אריין די וויטאמינען אין דיביימער (על פי רוב ביום ט"ו בשבט), אז עס זאל וואקסען.

**רבינו:** דער רב האט געלייגט דעם יסוד, קען מען שוין גרינג צוגיסן דערצו.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען מעג לייגען וויטאמינען, עס הייסט נישט וועגן דעם א הרכבה. אונז האבן אמאל געשריבן וועגן די נידלען וואס מען גיט אריין פאר די אתרוגים.

**רבינו:** מען לייגט עס נאר אריין אין די ערד. - מען געפונט דאך אין די ערד אז עס איז דא זיבורית, און עידית, און בינונית. נישט יעדע ערד האט אלע כוחות.

**הגר"מ ראטה:** ביי די הושענות זאגט מען, אדמה מארר, ילק משדפון, כרם מתולעת, אמאל איז דאך יעדער איינער געווען פון דעם. אונז קויף מיר היינט אלעס פערטיג פון די גראסערי, אבער עס ליגט אין דעם אסאך.

**רבינו:** איך האב געוואלט מקבל זיין א ברכה פונעם רב.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען זאל זוכה זיין אז עס זאל זיין למען יאריך ימים על ממלכתו, מיט אסאך נחת, און קענען מרבה זיין די גבולי התורה און די גבולי הקדושה והטהרה, און זעהן רב טוב ונחת מכל יוצאי חלציו, מיט אסאך לאנגע יארן.

**רבינו:** אמן, וכן למר. דער רב זאל זיין געזונט און שטארק, עס איז רבים צריכין לו, דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה מיט אסאך געזונטע כוחות. מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און עס זאל גרינג אנקומען אלעס. [בסיום הברכה נשק **רבינו שליט"א** את ידיו].

**ונפרדו לשלום**

*

כמו כן ביקר **רבינו שליט"א** אצל הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו, והר"ר **יחיאל זיגעלמאן** הי"ו, ואצל הר"ר משה **בינעט** הי"ו, בבארא פארק סענטער.

*

*__יום חמישי – ב' דחוה"מ סוכות__*

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של זקינו **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא. **רבינו שליט"א** חילק מזונות לקהל הנוכחים, וסיפר סיפורים מבעל ההילולא.

*__וזה תוכן השיחה:__*

**דער** זיידע זכרונו לברכה איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם זצ"ל**, פון די צוועלף יאר, ביז די צוואנציג. ער האט חתונה געהאט אין חוסט, און ער האט ממשיך געווען צו גיין צו די שיעורים פונעם **ערוגת הבשם** אויך נאך די חתונה, אזוי ווי א בחור אין ישיבה.

**דער** זיידע איז אמאל געווען ביים **שינאווער רב**, און דעם טאג האט ער געהאט יארצייט נאך זיין פאטער אדער נאך זיין מוטער, און ער האט זיך געשעמט צוצוגיין דאווענען פארן עמוד, און ער איז געזעסן אין א ווינקל. פאר הודו האט זיך דער **שינאווער רב** אנגעהויבן ארומצודרייען אין בית המדרש, און דער **שינאווער רב** איז צוגעגאנגען צו אים, און ער האט אים געוויזען אז ער זאל צוגיין דאווענען פארן עמוד.

**ער** איז געווארן א איידעם ביי א סופר אין חוסט, דער **ערוגת הבשם** איז געווען רב אין חוסט, און דארט האט ער געלערנט. דער סופר איז געווען א תלמיד חכם, ער האט געהייסען **רבי אברהם זלמן** (שווארץ זצ"ל בעמח"ס **נפש טובה**). ער איז געווען א בעל בית'שער יוד, און ער האט צוגעזאגט אפאר יאר קאסט. ווען מען האט אנגעטראגן דעם שידוך פארן זיידען, האט דער זיידע נישט געהאט קיין גרויס חשק צום שידוך, ווייל ער האט ענדערש געוואלט אריינקומען אין א רבנישע שטוב. און דער **ערוגת הבשם** האט אים שטארק צוגעשטופט צום שידוך, און ער האט אים געפרעגט, וואס קוועטשט דיך. האט ער זיך אנגערופן, אז ער איז א סופר. האט אים דער **ערוגת הבשם** געזאגט, ער איז טאקע א סופר, אבער ער איז א סופר ומונה...

**דער** זיידע האט נישט געהאט קיין שטארקע קאפ אלץ בחור, אבער ער האט זייער פלייסיג געלערנט, און דאס האט אים אויסגעשארפט. עס האט מיר פארציילט רבי משה הענדלער'ס א זון, אז רבי משה הענדלער'ס פאטער האט געהייסען רבי אברהם יקותיאל, און ער איז אויך געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, און ער האט געלערנט אין איין צייט מיטן זיידען. און ער האט אמאל געזאגט, אז ער האט געקענט דעם זיידען פון ישיבה, און ער האט געמיינט אז פון אים וועט גארנישט אויסוואקסען. יארען שפעטער האט ער אים געטראפן, און וואו מען האט געשמועסט אין לערנען, האט ער געוואוסט צו ענטפערן.

**דער** זיידע האט נישט געהאט קיין פרנסה, און ווען מען האט געדארפט חתונה מאכען די קינדער, האט מען געדארפט גיין נאך געלט. אמאל איז ער געפארן קיין פרעשבורג צוזאמצושטעלן געלט, און אין פרעשבורג איז דעמאלטס געווען **רבי דוד וועסעלי זצ"ל**, וואס איז געווען פונעם בית דין. און עס איז אויסגעקומען אז דער רבי דוד האט געשמועסט מיטן זיידען אין לערנען, און ער האט אים געפרעגט, פארוואס ער איז געקומען. האט ער אים געזאגט, אז ער דארף חתונה מאכען, איז ער געקומען נאך געלט. האט אים רבי דוד געזאגט, איר וועט נישט ארומגיין דא מאכען געלט, נאר איר וועט איינשטיין ביי מיר א וואך, און איך וועל אייך צוזאמשטעלן דאס גאנצע געלט וואס איר דארפט האבן. עס איז נישט קיין כבוד, אז אזא תלמיד חכם זאל גיין נאך געלט. דער רבי דוד האט געזאגט, אז איך בין אזוי נתפעל געווארן, ווייל דער זיידע האט געמאכט א חיבור אויף מסכת נדה, און אויפן **חמודי דניאל**. און געווענליך ווען מען שמועסט אין לערנען, איז פון דעם וואס מען איז היימיש, פון דעם שמועסט מען. אבער איך האב געשמועסט מיט אים שעות אין לערנען, און ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון די ענינים וואס ער האט געמאכט דערפון זיין ספר. איז א סימן אז ער איז טאקע א תלמיד חכם.

**ער** האט זייער פלייסיג געלערנט, אין זיין שטוב האט מען נישט געהייצט א גאנץ ווינטער. ער איז געזעסן אין זיין ספרים שטוב מיט א דאכענע, אמאל איז ווינטער געווען קאלט, און עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט אז מען האט סטי"ם. אין דעם שטוב

האט ער געלערנט, און ער איז געשלאפן דארט א גאנצע וואך, אויסער שבת. ער האט זיך ממית געווען באהלה של תורה.

**איך** האב געהערט פון מיין מאמע ע"ה, אז ער האט געהאט א חבר וואס האט געלערנט מיט אים ביים **ערוגת הבשם**. און דער חבר האט געדארפט חתונה מאכען, און ער איז ארומגעפארן נאך געלט, און ער איז אנגעקומען קיין מאקאווא. און ער איז אריינגעגאנגען צום זיידען, צו זיין חבר פון ישיבה. און זיי האבן געשמועסט, אז ער מאכט חתונה, און ער איז געקומען נאך געלט. און בתוך הדברים זאגט אים דער חבר, אז ער האט נאך א טאכטער אין די רייע וואס זי דארף א שידוך. און דער זיידע האט געהאט דעמאלטס א בחור אין די רייע, און ער האט געטראכט, אפשר איז עס א גוטע שידוך. דעם חבר'ס טאכטער מיט זיין זון. מיטאג איז דער זיידע אראפגעקומען עסן, און די מאמע ע"ה האט פארציילט, אז זי איז געווען דארט ביים טיש, און דער זיידע זאגט פאר די באבע, אז מיין חבר פון ישיבה איז דא געווען, און ער האט א טאכטער, און אונז האב מיר א זון, אפשר וואלט עס געווען א גוטע שידוך. - דאס עניות ביים זיידען איז געווען זייער גרויס. מיין מאמע ע"ה פלעגט צו זאגן, אז מען האט קיינמאל נישט אריינגערופן א קינד צו עסן. ווען דאס קינד האט געבעטן, האט מען געזוכט וואס מען קען אים געבן. אבער רופן צו עסן, איז נישט געווען, ווייל עס איז נישט געווען וואס צו געבן. - זאגט די באבע, דו זעהסט דאך אז ער גייט נאך געלט פאר דעם שידוך, האט ער דאך גארנישט. און דו האסט אויך גארנישט. ווי אזוי טראכטסטו צו טון אזא שידוך. האט דער זיידע געענטפערט, 'דער באשעפער האט'?!... און דער שידוך איז געווארן. האט די מאמע ע"ה געזאגט, אז דער קינד האט שפעטער מצליח געווען, און ער איז געווען שפעטער דאס רייכסטע קינד פון אלע קינדער, און מען האט שוין געווארט אויף יום טוב, אז ער זאל שיקן א פעקל, א בגד, א מלבוש, וכדומה. אז דער באשעפער האט, איז דא!

**זאל ער זיין א מליץ יושר.**

*

בשעות אחר הצהרים הופיע **רבינו שליט"א** בהדרו אצל 'מעמד ראשית הגז' שהתקיים בביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר (הופפער סט.). **רבינו שליט"א** השמיע מדברות קדשו בגודל מעלת המצוה, שמורה ובא להקדיש כל ראשית לה', ובכללם ראשית היום לתורה ותפלה, ראשית שנות האדם לעבודת ה' ביתר שאת, וכמו כן ראשית השנה, ירח האיתנים דתקיפי במצוות ושמחה בה' ובתורתו.

עם סיום הדברות קודש, עמד **הגה"צ אב"ד סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א** ומסר את ראשית גז הצאן לידו של הכהן הגדול **רבינו שליט"א** שישב בעת נתינת המתנות על מקומו. **רבינו שליט"א** הגביה כל טס וטס בקנין הגבהה, ואחר כך עמד ובירך את קהל הנאספים בברכת כהנים באמירת פסוקי יברכך וגו', וענו כל העם ואמרו אמן. אחר כך עמדו כל הקהל בריקוד לכבוד המאורע ולכבוד החג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באדאנקען פאר די קהלה נאה וחסודה וואס האט מיר געגעבן די זכיה אז איך זאל האבן א חלק אין די מצוה וואס מען איז מקיים, איך האב עס קיינמאל אין מיין לעבן נישט געהאט ביז יעצט, און מן הסתם די גאנצע ציבור האבן עס נאכנישט מיטגעהאלטן, איז עס א געוואלדיגע חשיבות. אויף א מצוה וואס קומט מזמן לזמן מאכט מען א שהחיינו, איז כל שכן א מצוה וואס קומט איינמאל אין אסאך יארן, איז אוודאי א חשובע מצוה.

**אזא** ציבור איז זיך צוזאמגעקומען צו די מעמד, עס שטייט אין די גמרא (יומא ע.), אז עס איז דא א מצוה אז א גרויסער ציבור זאל זיך משתתף זיין ווען עס קומט אויס אז מען איז מקיים א מצוה. די גמרא זאגט עס אנטקעגן דעם כהן גדול, אז די וואס זענען געווען ביי קריאת התורה פונעם כהן גדול, האבן נישט געקענט זיין ווען מען האט פארברענט די פרים און די שעירים, לא מפני שאינו רשאי, נאר עס איז נישט געווען מעגליך אז מען זאל זיין אויףביידע פלעצער. ווייל עס וואלט געווען א הוה אמינא צו זאגן, אז מען טאר נישט איבערלאזן, וויבאלד ער איז געקומען צוקוקען א מצוה, טאר מען נישט איבערלאזן די מצוה. פרעגט די גמרא, מאי מצוה, וואס פאר א מצוה איז געווען דארט. זאגט די גמרא, משום ברוב עם הדרת מלך, לאזט ער מיך הערן אז עס איז נישט דא ביי דעם אין מעבירין על המצות. זעהט מען פון דעם, אז א מצוה וואס מען איז מקיים ווען מען קומט זיך

צוזאם א רוב עם, האט יעדער יוד א חלק אין די מצוה. ווייל דאס ברענגט ארויס די חשיבות פון די מצוה.

**דער** רב זאל זיין געזונט האט פריער שיין מסביר געווען די חשיבות פון די מצוה. איך וויל נאר צוגעבן א נקודה. די מצוה פון ראשית הגז וואס די תורה האט געהייסען אז מען דארף אוועקגעבן פארן כהן, איז נישט נאר ביי שאף, נאר יעדע זאך וואס א מענטש האט באקומען, האט ער געדארפט אוועקגעבן א ראשית דערפון פארן כהן. ער האט געהאט א פעלד, האט ער געדארפט אראפנעמען תרומה פון דגן תירוש ויצהר, און ער האט עס געדארפט אוועקגעבן פארן כהן. ער האט געהאט דאס ערשטע קינד, דארף ער פודה זיין דאס קינד, ער דארף געבן חמש סלעים פארן כהן. ער האט געשחט'ן א בהמה, דארף ער געבן פארן כהן זרוע לחיים והקיבה. ער האט געהאט שאף, האט ער געדארפט אוועקגעבן ראשית הגז פארן כהן. און אזוי ווייטער.

**וואס** דער ענין דערפון איז. מיר זענען אלע אראפגעקומען אויף די וועלט, צו דינען דעם אייבערשטען. די תכלית פונעם לעבן איז נישט פאר עולם הזה, נאר יעדער יוד האט זיין תפקיד אויף די וועלט, וואס ער דארף אויפטון אין כבוד שמים. עס איז דאך אבער נישט יעדער זוכה דערצו, אז ער זאל קענען זיין בבית ה', סוף כל סוף הנהג בהם מדת דרך ארץ, מען דארף פרנסה, מגדל זיין די קינדער. עס איז נאר דא א מיעוט פון יודען וואס זענען זוכה צו זיצען בבית ה'. און דאס איז געווען דער שבט לוי, וואס דער אייבערשטער האט זיי נישט געגעבן א חלק ונחלה אין ארץ ישראל, זיי האבן נישט געהאט גארנישט קיין פלאץ צו וואוינען, און זיי האבן נישט געהאט קיין פעלדער וואס זיי זאלן קענען דערפון ציען פרנסה, זיי זענען געזעסן און געלערנט, און געטון די עבודה פארן אייבערשטען, און דער באשעפער האט זיי ממציא געווען כ"ד מתנות כהונה, וואס יעדער יוד דארף אוועקגעבן פארן כהן. און מיט דעם וואס ער האט עס אוועקגעגעבן פארן כהן, האט ער געהאט א חלק אין די עבודה וואס דער כהן האט געטון אין בית המקדש, און אין די תורה וואס ער האט געלערנט.

**און** אזוי איז אויסגעשטעלט די וועלט. דער אייבערשטער האט אוועקגעלייגט א שבט לוי, וואס

דער **רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג) זאגט, אז דאס זענען די אלע וואס זענען עוסק אין תורה. און **אויף כלל ישראל ליגט דער חיוב מחזיק צו זיין די בני תורה. די אלע וואס זיצן און לערנען תורה, די כולל יונגעלייט וואס געבן אוועק זייער לעבן פאר תורה, דורכדעם וואס מען גיט פאר זיי אוועק דעם ראשית וואס מען האט, האט מען א חלק אין די תורה.** און דאס איז דער תוכן פון די אלע מצות וואס דער אייבערשטער האט געהייסן אז מען דארף אוועקגעבן פארן כהן. וואס אפילו מען איז נישט היינט מקיים בפועל די מצוה פון תרומות ומעשרות, און אנדערע חלקים פון מתנות כהונה, אבער די נקודה איז געבליבן. די נקודה וואס דער אייבערשטער האט געוואלט, אז מען זאל מחזיק זיין לומדי תורה, דורך דעם האט מען א חלק אין די וואס זיצען בבית ה'. דאס איז די מצוה וואס מען דארף אוועקגעבן די ראשית פארן כהן.

**אבער** עס איז דא דערין נאך א נקודה. אז א יוד דארף וויסן, אז דער ראשית פון יעדע צייט, דארף ער אוועקגעבן פארן אייבערשטען. יעדער אנהייב פון א זאך, דארף ער מקדיש זיין פארן באשעפער. ווען א יוד שטייט אויף צופרי, איז ער מקדיש זיין ראשית פארן אייבערשטען, ווילאנג ער דאווענט נישט, טוט ער נישט קיין שום ארבעט, ביז ער גיט נישט אוועק פארן באשעפער די צייט וואס ער דארף מקדיש זיין. יעדע ארבעט וואס מען טוט, דער ראשית דערפון דארף ער מקדיש זיין פארן רבונו של עולם. דער ראשית פון א מענטש'עס יארן, ווילאנג מען איז יונג, בחורים וואס זיצן און לערנען, איז קודש לה', הייליג פארן אייבערשטען. מען איז נישט עוסק אין קיין שום עניני עולם הזה, ווייל אויב די ראשית איז געבויט ערליך, דעמאלטס האלט זיך עס שפעטער נאכדעם. כדי מען זאל קענען אוועקשטעלן א יסוד, איז די ראשית יארן פון א מענטש מוקדש פאר תורה. דאס האט אונז די תורה געלערנט, אז יעדע ראשית דארף א מענטש אוועקגעבן פארן אייבערשטן. מען האט באקומען א פעלד, האט מען מפריש געווען ביכורים די ראשית פארן באשעפער. און נאכדעם קענסטו נישט עסן, עס איז טבל, ווילאנג דו האסט נישט אוועקגעגעבן די ראשית, תרומה און מעשרות, פארן רבונו של עולם. א בהמה דארף מען אוועקגעבן די זרוע לחיים והקיבה. פון די שאף

דארף מען אוועקגעבן ראשית הגז, ווייל די ראשית דארף זיין מוקדש פארן באשעפער.

**אבער** עס איז נישט נאר די ראשית פון מענטש'ס לעבן, נאר די ראשית פונעם יאר איז אויך מוקדש פארן אייבערשטען. יעדע יאר ווען עס קומט די ראשית, ראש השנה, חודש תשרי איז א ירח האיתנים (מלכים א ח-ב), עס איז תקיפי במצות (ר"ה יא.), ווייל ווען א מענטש איז מקדיש די ראשית, די הייליגע טעג פון ראש השנה יום הקדוש פאר תפלה, און עס קומען נאכדעם די טעג פון סוכות, פאר שמחה. עס קומען נאכדעם די אונטערשטע טעג פון סוכות, וואס איז דא נאך מער שמחה, די ראשית וואס א יוד גרייט זיך אן אין די טעג, דאס גיט דעם כח פארן גאנצען לעבן שפעטער. און דאס איז די מצוה פון ראשית הגז, צו ווייזען אז יעדען ראשית איז מען מקדיש פארן כהן. און די זעלבע זאך דארף מען מקדיש זיין די ראשית פונעם יאר פארן כהן, אלקיכם כהן הוא, אונז גיב מיר אוועק די ראשית פארן אייבערשטען.

**מען** האלט ביים מקיים זיין אזא חשובע מצוה, ווי ראשית הגז, וואס עס קומט נישט אויס אזוי מקיים צו זיין. עס איז איינע פון די כ"ד מתנות כהונה וואס מען דארף געבן פארן כהן. אבער עס שטייט אין די ראשונים (עיין **ברבינו בחיי** פ' נשא) אז דער כהן גיט אויך צוריק פארן כלל ישראל איין מתנה. כה תברכו את בני ישראל אמור להם (במדבר ו-כג). 'כה' איז כ"ה, יודען געבן פארן כהן כ"ד מתנות כהונה, און דער כהן גיט צוריק פארן כלל ישראל, תברכו את בני ישראל. יום טוב דוכענען די כהנים, און זיי בענטשען כלל ישראל. אז מען איז מקיים די כ"ד מתנות כהונה, ווערט נתעורר אז עס זאל מקויים ווערן די 'כה' תברכו את בני ישראל.

**זאל** דער אייבערשטען געבן, אז די כהנים וואס בענטשען יודען מיט אלע ברכות וואס איז נכלל אין ברכת כהנים. עס איז נישט דא קיין איין ברכה וואס א יוד דארף האבן, וואס איז נישט נכלל אין די ברכת כהנים. יברכך ה' בממון, וישמרך בבנים ובנות, חן וואס א יוד דארף האבן, שלום וואס א יוד דארף האבן, אלעס איז נכלל אין די ברכת כהנים. איז זכות וואס מען איז מקיים די כ"ד מתנות כהונה, יעדער יוד וואס איז זיך צוזאמגעקומען האט א חלק אין דעם ברוב עם הדרת מלך, זאל מען געבענטשט ווערן מיט די פינף און צוואנציג'סטע מתנת כהונה אויך, די ברכה פון יברכך ה' וישמרך, עס זאל חל זיין א ברכה אויף אלע יודישע קינדער, בבני חיי ומזוני. יעדער וואס דארף געהאלפן ווערן, זאל אים דער אייבערשטער ממלא זיין כל משאלות לבבו לטובה, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב הגיע **הגה"צ רבי יוסף יונה ווייסבלום שליט"א** אב"ד שעדליץ לעיקוואד לביקור חג אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד שעדליץ:** [הציג את בנו שנקרא על שם **היהודי הק'** 'יעקב יצחק' ואמר]: עס איז היינט נאכט (י"ט תשרי) דעם **יהודי הק'** יארצייט.

**רבינו:** מען זאגט אז וועגן דעם האט מען אים גערופן דער **יוד הק'**, ווייל אזוי ווי דער **רבי פון לובלין** האט געהאט דעם זעלבן נאמען, האט מען געטוישט און מען האט אים גערופן דער **יוד הק'**.

**אב"ד שעדליץ:** עס האט מיר אלעמאל געאהרט אז מען רופט די אלע צדיקים ביים נאמען, דער **רבי ר' אלימלך**, **רבי מיכל מזלאטשוב**. היינט איז נישט איינגעפירט אז מען רופט א רבי ביים נאמען.

**רבינו:** אויפן **רבי'ן פון לובלין** איז נישט קיין קשיא, ווייל ער האט נישט געהאט קיין שום פאסטען.

**אב"ד שעדליץ:** מען האט אים גערופן רבי איציקל פון לאנצוט.

**רבינו:** ער האט נאר געהאט א בית המדרש אין לובלין. דער אייזנער קאפ איז געווען דארט דער רב. עס איז נישט געווען א שטאט וואס מען זאל אים קענען רופן דערויף. די אלע אנדערע זענען אויך נאר געווען מגידים. נישט אלע זענען געווען רבנים.

**אב"ד שעדליץ:** אבער א תלמיד קען נישט רופן דעם רבי'ן ביים נאמען. היתכן מען האט גערופן ביים נאמען.

**רבינו:** בחייו האט מען גערופן 'דער רבי'.

**אב"ד שעדליץ:** מכבדו במותו איז נישט שייך ביי דעם?

**רבינו:** ביי די היינטיגע צדיקים וואס עס זענען דא צוויי, דארף מען טאקע שוין דערמאנען אויפן ערשטען נאמען...

**אב"ד שעדליץ:** איך האב אמאל געהערט פון איינעם וואס ער האט געוואלט זאגען אז עס איז געווען א

צונאמען, ער האט געהייסען יחיאל מיכל האט מען אים גערופן רבי מיכעל'ע, ווייל עס איז נישט געווען די עכטע נאמען, נאר א שם הכינוי.

**רבינו:** ביי רבי מיכעל'ע קען מען זאגען אז יחיאל איז דער נאמען און מיכל איז נאר א כינוי.

**אב"ד שעדליץ:** דער **רבי ר' אלימלך** האט געהייסען אלימלך, און מען האט אים גערופן מיילעך. ביי אלע צדיקים האט מען גערופן אזוי.

**רבינו:** אלע תנאים און די אמוראים האט מען גערופן ביים נאמען.

**אב"ד שעדליץ:** אויף אביי זאגט רש"י אז עס איז נישט די עכטע נאמען (עיין גיטין לד: ובגליון הש"ס שם).

**רבינו:** עס איז נאר געציילטע וואס מען האט גערופן מיט א צונאמען.

**אב"ד שעדליץ:** רבי זירא איז געווען א נידריגער האט מען אים גערופען זעירא. עס איז נישט געווען די עכטע נאמען.

**רבינו:** רבה, רב. דאס איז נאר א חלק, אבער רבי יוחנן און ריש לקיש איז געווען דער נאמען אליין.

**אב"ד שעדליץ:** עס איז דא א היתר אז מען זאגט קודם 'רבי', איז עס שוין בדרך כבוד (**רמ"א** יו"ד סי' רמ"ב סט"ו). אבער דאס איז שוין א היתר וואס מען דארף צוקומען.

*

**אב"ד שעדליץ:** איך האב געזען דעם יום טוב א שיין ווארט פונעם **חקל יצחק** (פ' וירא), די קשיא איז אז אין פייט שטייט, אז והשענו תחת העץ איז געווען אונטער א סוכה. און אלע פרעגן די קשיא, אז אונטערן בוים איז די סוכה נישט כשר. זאגט ער אזוי, אז די הלכה איז דאך אז א סוכה תחת האילן אויב הדלה, מען האט גענומען די צווייגען און מען האט עס אויסגעמישט, ווערט עס בטל ברוב. אויב רוב איז כשר'ע סכך, ווערט עס בטל ברוב. זאגט ער דארט, אז אברהם אבינו ווען די ערביים זענען געקומען האט ער נישט געוואוסט צו זיי זענען טאקע גוים עובדי עבודה זרה, צו עס איז איינע פון זיינע מענטשען, זיינע בעלי תשובה. די בעלי מקובלים זאגען, אז א סוכה איז אזוי הייליג, אז מען טאר נישט אריינברענגען א גוי אין די סוכה. אין בית המקדש האט מען נישט אריינגעלאזט גוים נאכן חיל, וועגן דעם האבן זיי געמאכט דארט י"ג פרצות, ווייל זיי זענען געווען ברוגז, זיי האבן געוואלט אריינגיין ווייטער פונעם חיל. ברענגט ער דארט

[בשם אביו **האמרי יוסף**] אז קדושת סוכה איז אזוי הייליג על כל פנים ווי נאכן חיל אין בית המקדש, און מען טאר נישט אריינעמען א גוי. אברהם אבינו האט נישט געוואוסט צו זיי זענען יודען אדער גוים, ער גייט לויטן די שיטה (בגמרא ר"ה יא. ובתוספות שם), אז די מלאכים זענען געקומען סוכות. אויב זיי זענען פון מיינע מענטשען ווויל איך זיי נישט מכשיל זיין מיטן עסן חוץ לסוכה. און אויב זיי זענען גוים וויל ער זיי נישט אריינעמען אין די סוכה. וואס טוט מען. האט ער געמאכט אזא סוכה תחת האילן, וואס מען דארף צוקומען צו ביטול ברוב, און ער ברענגט א **פרי מגדים** (בספרו **תיבת גומא** פ' נח) אז ביטול ברוב איז נאר ביי יודען און נישט ביי גוים. איז ממה נפשך, זענען זיי גוים זענען זיי חוץ לסוכה, זענען זיי יודען זענען זיי אין די סוכה[ד].

איך האב געקלערט אז מען קען זאגען נאך מער, ווער זאגט אז עס איז געווען סוכות, עס קען זיין אז עס איז געווען אין פסח, ווייל לפי דעם חשבון פונעם **גר"א**, אז וואס עפעס האט מען קובע געווען סוכות ט"ו תשרי, מאכט ער דעם חשבון אז נאכן עגל זענען די ענני הכבוד אוועקגעגאנגען פון יודישע קינער, און עס איז צוריקגעקומען נאכדעם וואס משה רבינו איז אראפגעקומען פון בארג, מיטוואך, און מען האט אויסגערופן אז מען זאל ברענגען די נדבות פאר די משכן, וואס איז א תיקון אויף די מעשה העגל. ישראל נתבעים ונותנין (ירושלמי שקלים א-א), והם הביאו אליו נדבה בבוקר בבוקר (שמות לו-ג), דאנערשטאג און פרייטאג האט מען געברענגט נדבות, און זונטאג האט

[ד] **בשמן ראש** (לסוכות ח"א דף קפ) העיר **רבינו שליט"א** בזה, לפי מה שהאריך **במגן אברהם** (ריש סימן ש"ח) לענין דבר שיש לו מתירין שאינו בטל, מהו הדין, אם לאחד הוי דבר שיש לו מתירין, ולהשני הוי דבר שאין לו מתירין, אם יש בזה ביטול. והביא מפירוש המשניות להרמב"ם (ביכורים ב-ב) דתלוי בהבעלים, ואם אצליהם הוי דבר שאין לו מתירין ובטל, נתבטל לכולי עלמא ע"ש. ואם כן בסוכתו של אברהם, אשר אצלו שייך דין ביטול ונעשה סכך כשר, אם כן הוי סוכה כשירה לכולי עלמא גם לערביים, ועדיין ישבו בסוכה כשירה. וצריכין לומר שאברהם הקנה להם הסוכה קודם שחבטן וביטלן, והיתה סוכתם, וממילא אם הם ערביים לא יתבטל הסכך והוי סוכה פסולה. אך לפי זה שהמה הבעלים ואצלם לא נתבטל, אם כן גם לאברהם לא בטל הסכך פסול, והוי גם לו סוכה פסולה. ולכן לא היה יכול אברהם לאכול עמהם בסוכה זו, אלא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו, אבל הוא בעצמו לא אכל בסוכה זו ע"כ. ועיין עוד **בשמן ראש** (לסוכות ח"ב דף ע') מה שדן בזה.

משה רבינו געמאכט דעם חשבון פון אלה פקודי המשכן, און ט"ו תשרי האבן די עושי המלאכה אנגעהויבן צו בויען די משכן. און עס איז מסתבר צו זאגען, אז פון ווען מען האט אנגעהויבן צו ארבעטן אויף די משכן, זענען די ענני הכבוד צוריקגעקומען.

לפי זה קען מען זאגען, אז אין אמת וואלט עס געדארפט זיין פסח, נאר צוליב דעם עגל איז עס אפגעשטופט געווארן אויף תשרי. אברהם אבינו איז געווען נאך פאר די עגל, און אין אברהם אבינו'ס צייטן איז געווען סוכות אין ט"ו ניסן[ה].

**רבינו:** איך האב געטראכט דעם יום טוב, אז אין די גמרא (סוכה יא:) איז דא צוויי דעות צו עס איז געווען ענני הכבוד צו סוכות ממש. דער **אליה רבה** (סי' תרכה) ברענגט צו דעם **רוקח** וואס זאגט, וואס איז דער זכר צו סוכות ממש, אז עס גייט ארויף אויף די סוכות בשעת מען האט מלחמה געהאלטן מיט סיחון ועוג, בשעת די מלחמה זענען יודען נישט געווען אין די ענני הכבוד, זיי זענען געווען אויפן פעלד, האבן זיי געמאכט סוכות, און די זכר פון סוכות איז אויף יענע סוכות, וואס איז געווען במלחמת סיחון ועוג, אז דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן אז זיי האבן באזיגט די מלחמה, און אויף דעם האט מען געמאכט די זכר פון סוכות.

לויט דעם קומט דאך אויס, אז עס איז געווען לסוף מ' שנה, וואס איז געווען די אלע פערציג יאר ביז דעמאלטס. עס קען דאך נישט זיין אז דער אייבערשטער זאל זאגן בסוכות תשבו שבעת ימים, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל, מען רעדט דאך יעצט אז די סוכות זענען הערשט געווען פערציג יאר שפעטער. איז דאך על כרחך אז מצות סוכה איז געגעבן געווארן דאס לעצטע יאר וואס מען איז געווען אין מדבר. מען איז געזעסן אין די סוכות ביי די מלחמה פון סיחון ועוג, און דעמאלטס איז געקומען די ציווי למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל.

**אב"ד שעדליץ:** עס איז מסתבר אזוי, ווייל אין די ענני**ם** האט מען דאך נישט געקענט מאכען א סוכה[ו].

**רבינו:** דער **משך חכמה** שטעלט זיך, אז אין פרשת כי תשא און אין פרשת משפטים, ווערט סוכות אנגערופן נאר חג האסיף, עס ווערט נישט דערמאנט סוכות. סוכות ווערט הערשט דערמאנט אין פרשת אמור, און אין פרשת ראה. לויט דעם קען זיין אז באמת מעיקרא איז סוכות נאר געווען א יום טוב פון חג האסיף.

**אב"ד שעדליץ:** באמת אין מדבר איז נישט געווען קיין אסיף.

**רבינו:** עס איז א חג פון אסיף, עס וועט נאך זיין א חג האסיף. אבער די פרשה פון בסוכות הושבתי את בני ישראל האט נישט געקענט געגעבן ווערן ביז צום סוף, און פון דעמאלטס אן ווערט עס אנגערופן חג הסוכות. עס איז געטוישט געווארן פון א חג האסיף אויף חג הסוכות. דאס איז א צושטעל, צו וואס איר זאגט, אז דער יום טוב איז געטוישט געווארן שפעטער. פאר יודען אליין איז עס געטוישט געווארן פון א חג האסיף צו א חג הסוכות (והאריך בזה **רבינו שליט"א** בשמחת בית השואבה ליל ה' דסוכות דהאי שתא).

**אב"ד שעדליץ:** דער **מהרש"א** (בבא מציעא פו.) פרעגט די קשיא, אז אויף איין פלאץ איז דא א מאמר חז"ל אז סוכות איז בזכות אברהם אבינו וואס האט אריינגענומען די אורחים אונטערן בוים, און א אנדערע גמרא (תענית ט.) שטייט, אז די ענני הכבוד איז געווען בזכות אהרן. איז דאך א סתירה אדער אברהם אדער אהרן. ענטפערט דער **מהרש"א** אז די

---

[ה] **בשמן ראש** (לסוכות ח"א דף מג) ביאר **רבינו שליט"א** הענין שישב אברהם אבינו בסוכה, על פי מה שכתוב **בדרשות חתם סופר** (לשבת הגדול רנא:) 'הנה על פי קבלת חז"ל אברהם אבינו ע"ה אכל מצות, והאכיל למלאכים בפסח עוגות מצות (ב"ר מח-יב, מובא בתוספות ר"ה יא.), ולא היה לזכר שיעבוד ולא לגאולה, אך יש טעם נסתר נפלא ממנו, שבאותן ז' ימים המקודשים נאכל מצות דוקא, כמו כהנים במקדש כל השנה, ושיהיו דוקא על זה האופן, וטעמו לא נגלה להדיוטות, ואברהם אבינו ע"ה השיג שרש המצוה וקיימה עד שלא ניתנה. ושוב כשנשתעבדו לפרעה במצרים, הוציאם הקב"ה בימים הקדושים האלו שהם כבר מוקדשים מאז ומעולם, ואכילת מצה הראויה בלאו הכי לטעם הכמוס לאותן הימים, יהיה אגב זכר לגלותינו ולגאולתינו' ע"כ. - ומעתה יש לומר דכן הוא גם במצות סוכה, דבאמת יש בזה סודות פנימיים, אשר אחר עבור הימים הנוראים יש לישראל לישב בצלא דמהימנותא בצל סוכה, אשר אין אנו יודעים ומשיגים טעם המצוה. ובאמת אברהם אבינו כמו שאפה מצה בפסח, כמו כן עשה גם סוכות, כמבואר בפייט (לסוכות) אלים כהשעין אב וכו', והשענו תחת העץ (בראשית יח-ד), אף על פי שעדיין לא שייך לעשות זכר כי בסוכות הושבתי את בני ישראל, מכל מקום השיג שיש בזה טעמים נסתרים לישב בצל סוכה בימים אלו ע"ש.

[ו] ראה **בשמן ראש** (לסוכות ח"א דף מד) שדן בזה, וציין לדברי **המבי"ט** בספרו **בית אלקים** (שער היסודות פל"ז) שכבר העיר בזה אי קיימו מצות סוכה תחת העננים.

זכות פון אברהם אבינו האט חל געווען נאר א קורצע תקופה, פון ווען מען איז ארויס פון מצרים די גאנצע פערציג יאר, דאס איז זיכער געווען בזכות פון אהרן. לויט דעם קען זיין אז עס שטייט אין **זוהר הק'** (פרשת אמור), אז די ענני הכבוד איז געווען אין זכות פון אהרן הכהן, אין זכות פון די ענן הקטורת וואס אהרן האט געמאכט האבן יודען זוכה געווען צו די ענני הכבוד. יום כיפור איז דאך הערשט געווען אין חודש תשרי, און יודען זענען שוין ארויס פון מצרים פריער. אבער דאס שטימט מיטן **מהרש"א** אז קודם איז געווען אין זכות פון אברהם אבינו, עס איז נאכנישט געווען די זכות פון אהרן, און די זכות פון אהרן איז הערשט געקומען שפעטער.

**רבינו:** עס איז געווען היינט א מסיבה פון ראשית הגז, איך האב געזעהן אין **תפארת יהונתן**, אז דער **רבי ר' יונתן** שרייבט א טעם פאר ראשית הגז וואס מען דארף געבן פארן כהן, אזוי ווי יודען אין מדבר האבן געהאט די ענני הכבוד, און די ענני הכבוד זאגט רש"י שמלתך לא בלתה מעליך, אז עס האט גערייניגט די בגדים, און עס האט געביגלט די בגדים וואס מען האט אנגעהאט, קומט אויס אז מען האט געהאט שיינע וואלענע בגדים אין מדבר דורך די ענני הכבוד, וואס איז געווען אין זכות פון אהרן. וועגן דעם דארף מען געבן ראשית הגז פאר אהרן, ווייל ער האט אונז געגעבן שיינע בגדים אין מדבר. די ענני הכבוד אין מדבר האט געהאט נאך א מעלה אין זיך, אז עס האט געוואשען און גערייניגט די בגדים, די גאנצע פערציג יאר. - שיינע בגדים אויף יום טוב איז א זכר אויף די ענני הכבוד.

**אב"ד שעדליץ:** עס שטייט אין פסוק (יחזקאל טז-י) ואנעלך תחש, די שיך איז געווען געמאכט פון תחש. אין **שו"ת מקדשי השם** (ח"א סימן ב') פונעם **ווייצענער רב**, האט ער א תשובה, אז די בגדים פון שבת דארפן זיין אנדערש פון די בגדים של חול, צו עס גייט אויך ארויף אויף שיך. און ער ברענגט אסאך ראיות אז שיך ווערן נישט אנגערופן א בגד. דער שואל פרעגט, פארוואס לכבוד שבת גיט מען נאר צו פוצן די שיך, פארוואס האט מען נישט קיין שבת'דיגע שיך. און ער גייט אריין אין א לאנגע תשובה, אז שיך הייסט נישט קיין בגד אדער א לבוש. עס גייט נישט אריין אין דעם כלל שלא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול. פונעם **סאטמארער רב** איז דא א אינטערעסאנטער חידוש, אז אויפן פסוק (שיר ז-ב) מה יפו פעמיך בנעלים שטייט אין תרגום דארט, אז די פסוק האט שלמה המלך געזאגט בנבואה, אזוי ווי שיר השירים איז געזאגט געווארן בנביאות, ווי שיין איז ווען יודען זענען עולה רגל מיט שיך פון תחש. פרעגט ער אז מען דארף נישט אויף דעם קיין נביאות, מען האט דאך געזעהן ווי אזוי מען איז געגאנגען עולה רגל זיין. זאגט ער, אז דאס איז א נבואה אויף לעתיד לבא, אויפן מקום המקדש טאר מען דאך נישט גיין מיט שיך, ווייל עס איז אדמת קודש. וויל ער זאגן אז ביי א רוחניות'דיגע זאך וואס קומט פון אויבן, מיט דעם מעג מען יא טרעטן אויף די ערד. וויבאלד די תחש איז נאר געווען לשעה, א רוחניות'דיגע זאך, איז ממילא שיך וואס איז געמאכט פון תחש, איז א רוחניות'דיגע זאך, מעג מען גיין אויפן מקום המקדש. און דאס האט שלמה המלך געזעהן בנבואה, אז היינט גייט מען ארוועס אן שיך, אבער לעתיד לבא וועט מען קענען גיין מיט תחש שיך. די שאלה האט אים געפרעגט רבי אשר זעליג מרגליות, און דער סאטמארער רב שרייבט אים צוריק די תשובה (הובא **בשו"ת דברי יואל** יו"ד סימן פב).

*

בשעות הערב הגיע **הגה"צ רבי מנשה כ"ץ שליט"א** אב"ד פריימאן לביקור חג אצל **רבינו שליט"א**.

בשעות הלילה התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל וואלפין שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). אחר ברכת המזון המשיך **רבינו שליט"א** בריקודין של שמחה לזמן ממושך לכבוד החג.

*

***שבת חול המועד***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **מנחם** (ב"ר יעקב יוסף) **לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***יום ראשון – הושענא רבה***

במוצאי שבת קודש נכנס **רבינו שליט"א** לבית המדרש לקריאת משנה תורה, ועמד ליד הבעל קורא וקרא מתוך הספר תורה במשך כל זמן הקריאה. אחר הקריאה חזר לביתו, והמשיך באמירת תהלים.

ביום הושענא רבה ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת הלל והושענות. לפני אמירת ההלל הסיר הטבעות מהלולב, ונתן טבעות הלולב על אצבעותיו כמנהג בית אבותיו.

אחר תפלת המוספין הצטופפו קהל רב מאנ"ש לקבל עלי הערבה מידו של **רבינו שליט"א** לסגולה ולהצלחה. גם חילק **רבינו שליט"א** טבעות הלולב לכמה מבחורי אנ"ש.

*

***ימי שמיני עצרת ושמחת תורה***

הימים האחרונים של חג בצל קדשו של **רבינו שליט"א** היתה חטיבה אחת של התרוממות הנפש, ושמחה וחדוה עילאה בה' ובתורתו הקדושה, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

בליל חג שמיני עצרת אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, ודברי הכנה בגודל קדושת היום, שאנו שמחים בה' ובתורתו, ויש בו שמחה נוספת לשמוח על כל המצות הרבות שעבר עלינו בירח האיתנים שתקיפה במצות, ונתרוממנו בעילוי רב ונשגב בדביקות ה' ובמצותיו. וזוקפין מורביות של ערבה על המזבח ביום הושענא רבא, להורות שגם אותן שאין בהם לא תורה ולא מעשים טובים ודומים לערבה, נתעלו בקדושת הימים להיות מקומם אצל המזבח, ושמחים שהם בנים של מקום וחלק מעם ישראל הקדושים. – והזמן גרמא להשלים ולהעלות כל העבודות של הימים נוראים וחג הסוכות, בהשמחה של מצוה שמחין לכבוד התורה.

בליל שמחת תורה נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו בדברי אגדה המושכים את הלב, לבאר מקראי קודש שבנביאים שמתאר איך שדוד מלך ישראל היה מפזז ומכרכר בכל עוז בהעלותו את ארון ברית ה', ודיבר בגודל קדושת התורה, קדושה נוראה וחכמה עמוקה אשר בעינים רוחניים אפשר להשיג בה יותר ויותר. וגדול שכר העוסקים בתורה והשמחים בכבודה להתברך בבנים כשרים וצדיקים עושים רצון קונם באהבה.

*

אחר תפלת מעריבית ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת פסוקי אתה הראת וכו', וערך את סדר ההקפות בלהט קודש, כאשר קהל הקודש אותו כחומה מסבבים, ולצדם בחורי חמד וילדי צאן קדשים על מקומותיהם במעלות ההיכל, כולם רוגשים ומתרוממים בעוז ותעצומות, בעת אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בעבודה עילאה, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

מה נהדר היה מראה כהן גדול בריקודין הנלהבים, כאשר **רבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז. ובריקודין עילאין בניגוני 'ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה וכו', 'יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת', 'וידעו כי אתה שמך ה' לבדך', 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא'. ובספר תורה הכרוך בזרועו מנענע בנענועי קודש לצידי ההיכל בהקפה השישית. בעוד שבין ההקפות מושרים ניגוני דביקות והתעוררות, בגעגועי אהבה להשי"ת, ובפרט ברגשי בכי והתעוררות בשירת ניגוני חב"ד עתיקים, ניגון ד' בבות, ניגון הכנה, ובניגון אהבה רבה (להרה"ק מהרצ"ה מרימנוב זי"ע) ועוד, אשרי עין ראתה כל אלה.

בהקפות השביעית בלילי שמיני עצרת ושמחת תורה, רקד **רבינו שליט"א** עם מאות ילדי התשב"ר צאן קדשים, בעוד שהציבור מזמרים ומטפחים במחיית כפיים, בתפלת 'זרעא חיא וקיימא זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא'. וביום שמחת תורה בהקפה השביעית רקד **רבינו שליט"א** גם עם בחורי אנ"ש בניגון 'וטהר לבנו לעבדך באמת', והשירה התגברה בריקוד נלהב ומרומם, כאשר **רבינו שליט"א** מזמר הניגון 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל' (בניגון מירון), וכל הקהל עונים אחריו פיסקא בפיסקא בשמחה ובהתרוממות הנפש. אחר כל ההקפות ביום ובלילה בירך **רבינו שליט"א** את כל הקהל בפסוקי 'ברכת כהנים' באהבה ובקול רם, ואמר כל העם אמן הללוי-ה.

עם סיום ההקפות ביום שמחת תורה עלה **רבינו שליט"א** לתורה בקריאת פרשת וזאת הברכה, ואחר הפסקה קצרה לקידוש היום, התקיים קריאת החתנים בבית המדרש. **רבינו שליט"א** עלה ל'חתן תורה' כנהוג.

בשעות הערב הסיב **רבינו שליט"א** לנעילת החג, כאשר קהל הקודש יחדיו משוררים ניגוני התעוררות ודביקות של ימים הנוראים, מה יפו פעמיך בנעלים.

אחר שזימרו ניגוני התעוררות לזמן ממושך, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בקול רגש על הימים הנעלים של ימי התשובה וחג הסוכות, שבודאי עבר על כל אחד זמנים מסויימים בהתעלות נפשו בקרבת

אלקים, ואי אפשר לצאת מהם תיכף לימי החול, כי צריך התבוננות במה ישתנה סדר יומו ממה שהיה מקדם.

**רבינו שליט"א** המשיך את דבריו לבאר מה שהערבה דומה לשפתיים, כי האדם הדומה לערבה בלי תורה ומצות, תעודתו לפתוח השפתים להרבות בדברי תורה ותפלה, ובזה יתעלה מהריקנות שבו. ואלו הדומים להדס שאין בו תורה רק מצות ומעשים טובים, שאי אפשר להם לעסוק בתורה מרוב טרדות הפרנסה, תעודתו הוא לשמור על העינים בהסתובבו בחוצות על הדרך, ולזה ההדס דומה לעינים. והאתרוג דומה ללב, שזהו עבודת הצדיק שעוסק בתורה ובמצוות, להתעלות בעבודת ה' ברעותא דלבא בלי שום פניות באהבה ויראה ודביקות.

ובעבור ימי החג עבודת האדם לקבל עליו להוציא מן הכח אל הפועל כל הקבלות שקיבל עליו במשך הימים נוראים, לשעבד כל מעשינו לעבודתו ית"ש, וזורקין תפוחים ביום שמחת תורה, בהיות שתפוח פריו קודם לעליו, שקבלנו עלינו נעשה קודם לנשמע, לעשות כל מה שנשמע במשך השנה, לקיים התפקיד שמוטל עלינו.

בהמשך דיבר **רבינו שליט"א** בחובת קביעות עתים לתורה, ועבודה שבלב זו תפלה במתינות ובכוונת הלב, לנצל כל זמנים הפנויים ללימוד התורה בלימוד מסכתות הש"ס בחבורה ובלקיחת הבחינות, להזהר בכלי הטעכנאלאגיע המכלים מנפש ועד בשר, לעשות גדרים וסייגים שלא להכשל בהם.

בדברים מיוחדים הפנה אל הבחורי חמד להצטרף ללימוד בחבורה ובבחינות, ובשבח חבורת 'תורה שבכתב' לימוד חומש רש"י, ולהזהר לבל יהיה להם שום מגע ומשא לכלים הטעכנלוגיים המצויים, ולא להתחבר באחד שאינו נזהר בהשתמשות בכלים הללו.

***וזה תוכן סיום הדברות קודש:***

**מען** האט פריער גערעדט אז די ערבה איז אזוי ווי די שפתים, עס הייבט זיך אן מיט קביעת עתים לתורה, **מען איז נישט קיין יוד ביז מען האט נישט קיין שיעור צו לערנען. מען דארף מקבל זיין אויף זיך, זיך צוצושטעלן צו לערנען תורה. עס איז היינט דא ב"ה אין יעדען מקום פארשידענע חבורות וואס מען לערנט א מסכת, א עמוד אדער א בלאט, און צו איינע פון די חבורות גיי איך מיר צושטעלן.** דאס איז מיין נעשה וואס איך גיי ארויס פון דעם יום טוב, אז איך גיי זיך צושטעלן צו די חבורות וואס לערנען. **ביי אונז אין די קהילה לערנט מען 'ובהם נהגה', ערב יום הקדוש מען האט גע'ענדיגט יומא, און מען הייבט יעצט אן מסכת סוכה, מען האלט שוין אפשר די ערשטע צוויי בלאט אינעווייניג, אבער עס איז א צייט וואס מען קען זיך מיטכאפן דערמיט,** דאס איז די שפתים פון תורה.

**נאכדעם** איז דא די שפתים פון תפלה. מען דארף דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען. **דאווענען איז נישט צו זאגן די ווערטער וואס שטייט אין סידור, דאווענען איז געמאכט געווארן זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פארן אייבערשטן. תפלה איז א עבודה שבלב, עס איז עבודה אינעם הארץ, וואס דאס קען מען נישט טון נאר אז מען דאווענט מיט א מנין וואס דאווענט שטאט, א מנין וואס איז מסודר, נישט אז איין טאג בין איך דא, און איין טאג בין איך ערגעץ אנדערש. מען מוז זיך מסדר זיין מיט א מנין וואס ער שפירט אז עס איז צוגעפאסט פאר אים.** און טאמער מען דאווענט אביסל שנעל, זאל ער קומען מיט א פאר מינוט פריער, און דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען.

**מען** דארף געדענקן אז אלעס ליגט אין תפלה, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס עס שפילט זיך אפ אויף די וועלט, וואס מען קען עס אויסקרויזן פון תפלה, און אז מען פרובירט עס אויסצוקרויזן האט עס אזא פנים, און מען האט עס טאקע נישט. מען דארף דאווענען און נאכאמאל דאווענען, קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' (תהלים כז-יד), די גמרא (ברכות לב:) זאגט, אז ווען מען בעט איינמאל, און מען זעט אז מען איז נישט געהאלפן, זאל מען נישט מיד ווערן, נאר ווייטער דאווענען. - דער שפתים, דאס וועט טוישן דעם ערבה. דער ערבה וואס עס פעלט אים תורה, עס פעלט אים מצות און מעשים טובים, ער איז ליידיג, ער האט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח, ווי אזוי טוישט מען דעם ערבה, דורך די שפתים וואס ער טוט זיך צושטעלן צום לערנען און דאווענען.

**די** בחורים האבן די שיעורי הישיבה, און מען דארף זיך צושטעלן צו די שיעורים פון די ישיבה, אבער **עס איז דא גענוג צייט אז מען זאל קענען ענדיגן א מסכת אין די זייט, צו לערנען פאר זיך נאך א ענין אין תורה.**

**עס איז געגוג גרויס די וואך, ווען מען האט פרייע צייט, קען יעדער איינער משלים זיין נאך א מסכת אין די זייט.** די וואס האלטן שוין מיט, דארפן וויסן דאס חשיבות פון תורה, און נישט נאר מען האט 'אפגעלערנט' דעם בלאט, נאר 'קענען' דעם בלאט. ווען מען נעמט בחינות יעדע סוף חודש, האט מען א עול איבערצולערנען די גמרא, מען האט א עול איבער צוחזר'ן, ווייל מען דארף עס קענען ביי די בחינה. און ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, טראכט ער פון תורה. ווען ער האט אפגעלערנט א בלאט גמרא, איז דעם אנדערן טאג שפעטער ליגט אים די גאנצע קאפ אין וואס ער האט געלערנט, ווייל ער דארף עס איבער חזר'ן ער זאל עס נישט פארגעסן, כדי ער זאל קענען שפעטער נעמען די בחינה דערויף. דאס ברענגט אריין א צוגעבינדנקייט צו תורה.

**מען** רעדט צו די בחורים, מען האט פאראיאר אנגעהויבן צו לערנען תורה שבכתב, ב"ה א גרויסע מספר פון בחורים האבן זיך צוגעשטעלט דערצו, **צוויי הונדערט בחורים האבן זיך צוגעשטעלט צו לערנען חומש רש"י. אז מען לערנט נישט חומש רש"י, קען מען גארנישט. מען קען קענען א מסכת, אבער ער ווייסט גארנישט פון אלע מצות פון די תורה. מען דארף נעמען אויף זיך ווייטער צו ממשיך צו זיין, און ווער עס האט שוין געלערנט, זאל ממשיך זיין ווייטער, און נישט זאגן, אז איך האב עס שוין איינמאל אדורכגעלערנט, און איך וועל עס שוין געדענקן. התעיף עיניך בו ואיננו** (משלי כג-ה)**, מען פארגעסט זייער שנעל. און די וואס האבן נישט געלערנט, זאלן נעמען אויף זיך צו לערנען.** דאס איז די עבודה וואס א יוד דארף טון אין דעם חלק פון שפתים.

**יעדער** האט געהאט גוטע מינוטן אין דעם יום טוב, יעדער האט זיינע נסיונות, לא ראוי זה כראוי זה, יעדער איינער האט זיך זיין חשבון וואס ער דארף מתקן זיין. און יעדער איינער האט אין משך פונעם יום טוב געהאט מינוטן וואס ער האט זיך מקבל געווען, אז די זאך גייט זיך ביי מיר טוישן במשך פונעם יאר. **די טעכנאלאגישע כלים וואס איז דא היינט, וואס עס איז מכלה מנפש ועד בשר, יעדער איינער מאכט זיך זיינע גדרים וסייגים וואס ער דארף און וואס ער דארף נישט. און יעדער האט איניזן געהאט במשך פונעם יום טוב וואו ער דארף האבן א תיקון דערין. נישט פארגעסן וואס מען האט מקבל געווען אויף זיך.** מען נעמט דעם תפוח נאכאמאל, מען דארף געדענקען נעשה, מען זאל זעהן עס אויסצופירן מיטן גאנצן שלימות.

**בחורים, הייליגע נשמות, אזעלכע נסיונות וואס מען ברענגט אראפ אויף די וועלט אויף די היינטיגע דורות. מען דארף מקבל זיין אויף זיך נישט צו האבן קיין שום מגע ומשא צו איינע פון די כלים. עס איז נישט קיין חילוק וואס עס איז, עס איז נישט פאר א בחור וואס זיצט און לערנט. אפילו א חבר וואס איז נישט נזהר דערין, דארף מען נישט האבן. מקבל זיין אויף זיך עול תורה, זיצן און לערנען פון פארטאגס ביז ביינאכט, אזוי וואקסט מען א תלמיד חכם.** דאס איז די ריכטיגע שמירה וואס מיר האבן, אין שמירה כתורה, עס איז נישט דא קיין אנדערע שמירה נאר בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. נעמען אויף זיך עול תורה.

**יעדער** האט מתפלל געווען, מען האט געדאווענט און געבעטן דעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער זאל געבן אז עס זאל זיין א שנה טובה ומתוקה, יעדער איינער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס מען דארף צו האבן. עס איז זיכער אז יעדער פון אונז האט אויפגעטון מיט זיינע תפלות. דער באשעפער איז א שומע תפלת כל פה, יעדע ווארט וואס א יוד האט געבעטן האט ער אדורך געבראכן, און די השפעה איז דא. אונז דארף מיר נאר זיין די כלים, אז מיר זאלן עס קענען מקבל זיין. אויב מען וועט זיך אויפירן ווי עס דארף צו זיין, און מען וועט זיך מאכן פאר א כלי, איז זיכער אז עס וועט זיין א פרייליך און א לוסטיג יאר. די אלע תפלות וואס מען האט מתפלל געווען זאל דער אייבערשטער מקבל זיין ברצון.

**מיר** גייען אוועק פון דעם יום טוב, יעדער יוד גייט אוועק מיט א אנדערע צורה פון וואס ער איז געווען פארדעם, עס איז נישט מעגליך אז אזא יום טוב זאל נישט איבערדרייען א מענטש, עס זאל אים נישט דערהייבן פון וואס ער איז געווען פריער. נישט לאזן דעם יום טוב אוועק גיין, נאר עס מיט נעמען מיט זיך. פונים מסוכה אל ביתם לישב, מיטנעמען מיט זיך די גאנצע הייליגע טעג וואס מען האט געהאט, אויפן יאר שפעטער. מען האט מתפלל געווען, איך האף מיטן אייבערשטנס הילף, אז דער באשעפער וועט העלפן, עס וועט זיין זייער א פרייליכע יאר, זייער א גוט יאר. ...די גמרא (ברכות לד.) זאגט, אז

אויב עס איז תפלתו שגורה בפיו, איז א סימן אז די תפלה ווערט נתקבל. דער באשעפער זאל געבן עס זאל זיין עשירות ביי יודישע שטובער, נחת ביי די קינדער, קענען טון שידוכים מיט די קינדער, רפואות און ישועות יעדער וואס ער דארף האבן. מיר זאלן אלע האבן א שנה טובה ומתוקה, א פרייליך יאר און א ליכטיגע יאר, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אנטקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

אחר אמירת דברות קודש עמד **רבינו שליט"א** בריקוד בניגוני 'בספר חיים', 'וימלא משאלותינו', 'לשנה הבאה בירושלים'. אחר כך קיים **רבינו שליט"א** מנהג זריקת התפוחים לכל קהל הקודש, וחילק אגוזים כנהוג.

*

***<u>יום רביעי פרשת בראשית - אסרו חג</u>***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.